STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08752

MOYDE ANI

Moishe Nadir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה נאַדיר



מוֹדה אַני

לידער און פּראָזע — 1936־1943

פאַרלאַג „נאַראַיעוו״ ניו־יאָרק, 1944

MOISHE NADIR

MOIDE ANI
(CONFESSION)

Poems and Prose

(1936 - 1943)

Copyright 1944 by
"NARAYEV" PUBLISHING CO.
GHENIA NADIR
3745 Oceanic Ave., Sea Gate, N. Y.

Etching Designed by I. Lichtenstein

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
255



אינהאַלט

די לעגענדע משה נאַדיר (פאָרוואָרט פון ל. פיינבערג) 11
מודה אני (אויטאָביאָגראַפיש) פון משה נאַדיר 21
מודה אני (ליד) 37

ממעמקים

ממעמקים 41
אויף יענער זייט היינט 42
לעבן 43
ערד 43
אָפּגרונטן 44
לאָמיר אַלע אינאיינעם 45
צו מיין נאָמען 47
היינריך היינע 48
פאַרלוירן די שליסלען 49
בלאָנדזעניש 50
נעמט מיך צו 51
מיר שווייגן 52
קיכאָט 54
שמשון 55
גלייך אויף גלייך 56
פון דער זייט 57
זעלבסטבאַשרייבונג 60
עס טראַכט: דער מאַן מיט זיין מאַכט 60
ווידערשיינען 61
ווי זאָל איך איצט זינגען 62

טרייסט און טרויער

טרייסט און טרויער 69
איבער 69
אַ וואַזע 70
מיין האַרץ 71
גורל 71
אַ פראָסטער טאָג 72

אַסיען אויפן פּאַרם 72
זשאַוועס 74
דערנאָך 74
ווײמוט 75
גרויסגעשטערנט 76
עפּעס אַזוינס 76
געדענק מיך 77
בלאָע לעכט 78
ווען מײַן קאָפּ איז געווען 79
מײַן טרער, מײַן טרער 79
הערנער 80
איך מעסט־אָן 80
כ׳וויס אַליין גאָרניט 81
שטערן 82
בענקען און בענקען 82
פון מײַן פאַרגאַנגענהייט 83

נאַראַיעוו

הימלאַנד, מײַן הימלאַנד 87
נאַראַיעוו 88
אָפּשײַן פון שבת 89
שטעט 90
טרויבן אויפן טיש 92
שטרויענע טעג 93
היימשטעט 94

פּראָווינסטאַון

פּערלמוטערנער ים 99
זון־אונטערגאַנג 102
אַ בית־עולם 102
האַרבסט אין ניו־ענגלאַנד 104
די רויזן־קוסטעס 105
מאַרבלהעד, מאַס. 106

מײַן בת־שבע

מײַן בת־שבע 111
מיט אַ בלײַפעדער 112
פּעסטער, געליבטע 112

פּייסאַזש 113
יעווגעניאַ 114
צאַרטע רייד 115
ווי אַ צווייגעלע ווינטערזיבן 116
ביים ים 118
מאָדערן 118
איר בריוול 119
איך האָרך מיט פּחד 120
אין דיינע אָרעמס 120
שפּאַציר 121
זי האָט געזאָגט 122
צאַנק 123

לידער פון יאָ און ניין

אַ ניגון 127
פּאָר ווערמען 128
כ׳עפן־אויף דעם טויבנשלאָק 129
מיט בלומען 130
מאַמע־לשון 131
פינאַל 132
מיינע לידער 132
באַשרייבונג 133
דערווייל 134
די לבנה 134
באַגאַזש 135
כ׳האָב אַ גאָרטן געפלאַנצט 136
מיין פידל 138
דאָס פאַרלוירענע ליד 139
אונדזער ליטעראַרישער דור 140
אַ שטיקל פּאַפּיר 141
אַ וואָרט, אַ רויש... 142
צער און צאָרן 142
אַמאָל איז געווען 143
וואָס וואָר איז... 144
אויף און אָפּ 145
דער פלעק 146
מיינע ווערטער 147
עס איז ניט קיין צייט איצט פאַר לידער 148
לידער פון איבערטראַכט 149
יידיש 150

אומרו און אָפּרו

מזרח־מערב 155
מיט ביכער 156
אייביק 157
דאָס גאָרניט טאָן איז זיס... 157
שול־קינדער 158
פון קבר 159
פאַר דעם מענטשן פון מאָרגן 159
מיד 161
אין געיעג נאָך רו 162
ווענט 163
דער וואַנדערער 164
פאַרלייג די הענט 165

אַ שמייכעל דורך טרערן

אָבליוויאָן 169
אויף דעם רויטן, טויטן קוימען... 170
באַשרענקט 170
דער הונט 171
איך און מיין פידל 172
הוד־מלכות האָט היץ 173
שבייסענאַכטס אין קוויבעק 175
דער קעניג און דער פּאָעט 177
עלית־נשמה 180
יאָ, מיין שפּראַך קאָן שפּילן פידל 181
דאָס גאָלדענע בלעטל 182
ווער? 182
צוויי וואַנדערער 183
קנעכט 184
צוגאַסט ביים קעניג שלמה 185
מיין באָבע 188

פינצטער פייער

פינצטער פייער 193
איך שרייב 194
מיטן פנים וואוהין? 195
טאָג 196
אַ לויה 197

דורכגעשפיגלט 198
אין זישא לאנדויס גייסט 199
איך און סטעפאַן צוויג 200
קאַלטער שווייס 200
פּאַיאַצאָ 202
שוואַרצער מאָן 202
פּאָטער און זון 203
רויש, ראַש, צאַפּל פון טעג 204
לעצט 205
„פירט איר די וועלט!" 206
אָפּטמאָל 207
אומזיסט 207
אַליין 208
אויפן הימל די געלע לאַטע 209
די וועלט איז טיף 210
הייליקייט 211
אָ, גאָט אין הימל 211
נענטער 213

הייליקע טעג — פּאַרכטיקע טעג

אַ תפילה 215
בין־השמשות 218

דאָס בוך „מודה אני" איז רעדאַקטירט געוואָרן לויט די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן צום דורק פון פרוי געניאַ נאַדיר, משהם באַגלייטערין אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן. פרוי נאַדיר האָט אַריינגעלייגט אַ שלל מיט מי און זאָרג אין דער דאָזיקער אַרבעט און אָן איר הילף וואָלט זיכער ניט מעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן נאַדירס ערשטע בוך אין אַזאַ קורצער צייט נאָך זיין טויט.

צוליב דער מלחמה קעגן דער „ברוינער שלאַנג", האָבן מיר באַשלאָסן צו עלימינירן אַלע פּאָליטיש-פּאָלעמישע שטעלן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין דעם בוך „מודה אני".

זאָל דאָס בוך זיין דער ערשטער קראַנץ בלומען אויף זיין פרישן, פריצייטיקן קבר.

קאָמיטעט.

די לעגענדע
משה נאַדיר

פאָרוואָרט

פון

ל. פיינבערג

דער רוסישער דיכטער פיאָדאָר סאָלאָגוב האָט אין אַ רגע פון עקסטאַטישער דערהויבונג אַ וואָרף־געטאָן אין דעם אומעט פון דעם רוסישן לעבן אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט דעם פליגלדיקן זאָג:

„איך נעם אַ שטיק לעבן און שאַף דערפון אַ לעגענדע, ווייל איך בין אַ פּאָעט!"

און דער זומפּ פון דעם פּאַרקיסנעטן רוסישן לעבן איז אויפגעּרודערט געוואָרן פון איין ברעג ביזן צווייטן.

אומגעפּער אין דער זעלבער צייט, ווי סאָלאָגוב, האָט דאָס באַשיידענע גאַליציאַנער בחורל יצחק רייז פון נאַראַיעוו גענומען זיין וואָכעדיקן נאָמען און אים פאַרביטן אויף אַ טראַציקן נאָמען משה נאַדיר — און אים אַ שליידער געטאָן אין די שטייענדיקע וואַסערן פון אונדזער היגן יידישן לעבן — און פּאַר די דרייסיק יאָר זינט יענעם עכט־נאַדירישן שליידער גייען נאָך אַלץ אַרום רינגען איבער די וואַסערן פון אונדזער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פון נאַראַיעוו, וואו יצחק רייז איז געבוירן געוואָרן, ביז וואודסטאַק, וואו משה נאַדיר האָט אויף אייביק פאַרמאַכט די אויגן — איז אַ היפּשער מהלך. דאָס איז דער גאַנג פון דער וועלטלעכער עמאַנציפּאַציע פון אונדזער יידישער ליטעראַטור.

פון נאַראַיעווער האָפנפעלדער און מאַרעלן־גערטנער, איבער ווינער שטראָזן און בולאַוורן, דורך ריווינגטאָן סטריט ביז פּראָווינסטאון און וואודסטאַק — דאָס איז געווען דער סינטעטישער גאַנג פון משה נאַדיר — דעם שטעטלדיקסטן און אין דער זעלבער צייט דעם אַמעריקאַנישסטן יידישן דיכטער.

משה נאַדיר געהערט צו יענע זעלטן־קומענדיקע דיכטער אין יעדער ליטעראַטור, וועלכע נייטיקן זיך אין גרינטלעכע אָפּשאַצער, וואָס זאָלן יאָרן נאָכאַנאַנד שטודירן און פאַנאַנדערשיפרירן אַלע רעגנבויגנדיקע פילפאַרביקייטן, אַלע פאַרשיידנאַרטיקע נואַנסן פון זיין שפּראַך און דיכטונג.

איך וועל דאָ פּרובירן בלויז אָנוואַרפן עטלעכע שטריכן פון דער פול־גאַמיקער סימפאָניע, וואָס האָט געהייסן משה נאַדיר.

ווען מיר קוקן רעטראָספּעקטיוו אויף משה נאַדירס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן אויס אַ פיל־פאַר־צווייגטע דיכטערישע פערזענלעכקייט, וואָס מיט אירע וואָרצלען נערט זי זיך אין די טיפע סיפּקע שוואַרצערדן פון נאַראַיעווער האָפּן־פעלדער און מיט איר קרוין שפּאַרט זי אָן אין די בלויע, זוניקע רוימען פון מענטש־און־גאָט דערקענונג און חלום פון גאולה.

אָט די דאָזיקע וואונדערלעכע דיכטערישע פערזענלעכקייט האָט פון זיך אַרויסגעצויבערט דאָס נאַראַיעווער בחורל איציק רייז — און פאַר אונדז איז אויסגעוואַקסן די לעגענדע משה נאַדיר:

משה נאַדיר — דער פינקלדיקער דיכטער פון דעם יידישן וואָרט, משה נאַדיר — דער בייטשענדיקער פּאָלעמיקער, וועמעס שמיץ האָבן אים פערזענלעך פיל מער ווי געטאָן, ווי יענע, וועמען ער האָט אָפּט בייסיק און אומרחמנותדיק געשמיסן מיט זיין „פּען־און־ביקס״, משה נאַדיר — דער ליבער, טיף־איבערגעגעבענער חבר און אינטימער פריינט, משה נאַדיר — דער מענטש, וואָס האָט געוויטיקט מיט אַלע פּיינען פון זיין פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט, משה נאַדיר — דער קעמ־פער פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט, משה נאַדיר — דער טי־פער גלויבער און טרוימער אין דער דערלייזונג פון די אונטערדריקטע און פאַריאָכטע מענטשן־קינדער, משה נאַדיר — דער גאַלאַנטער ריי־טער, וועמעס בליציקע שווערד איז געווען געטונקען אין האָניק פון ליריזם און אין סם פון סאַטירע, משה נאַדיר — דער גרויסער, אפשר דער גרעסטער מייסטער פון דער יידישער שפּראַך, דער גלענצנ־דער סטיליסט, דער גייסטרייכער הומאָריסט, דער פינקלדיקער סאַטי־ריקער, וועמעס וואָרט און ליד האָבן שטענדיק אַרויסגערופן חילוקי־דעות און כמעט אַלע מאָל באַצויבערט.

די אומשטערבלעכע געשטאַלטן, וואָס משה נאַדיר האָט געשאַפן, ווי „דער געניאַלער אידיאָט״, „לייזער־עליע מיט די פּעטענטס״ און זיין ליב, האַרציק, חנעוודיק יינגל „דער פּעין אין די נעקל״, וואָס איז געווען אַ לייבלעכער קרוב צו שלום־עליכמס „מאָטל פּייסע דעם חזנס״, זיינען אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן געטראָגן געוואָרן אויף די ליפּן פון טויזנטער און טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן. זיי האָבן געטרונקען דעם טערפּקע־זיסן וויין פון משה נאַדירס קלוגע איינפאַלן,

גאַליק־ביטערע פראַגעס און ענטפערס און ליריש־נאַאיווע, פּאָעטיש־פאַרחלומטע און אין דער זעלבער צייט פּאָליטיש קלאָרע און שאַרפע המצאות, וואָס האָבן זיי געדינט, ווי אַ ליכטיקער עמוד־האש אין דעם שווערן, פאַרוואָרלאָזטן יידישן לעבן, אין בבלדיקן מיש־מאַש פון אַמע־ריקע.

אַליין אַ וואָרצלדיקער פאָלקס־מענטש, וואָס איז געקומען פון די טיפע טיפענישן פון נאַראַיעווער גאַליציע, האָט משה נאַדיר אויסגע־זויגן דעם גאַנצן האָניק און גיפט פון יידישן פאָלקס־לעבן און מאַמע־לשון און זיי געבראַכט אויף ניו־יאָרקער ריווינגטאָן סטריט — און פון זיין ליכטיקער, מיט האָניק־ און גיפט־טריפנדיקער פען האָט פיר צענדליק יאָר גערונען דער ווייניקער זאַפט פון זיין אומאויסשעפּלעכן טאַלאַנט, וואָס איז געווען פאַר אים אַ ברכה און אַ קללה אין איין און דער זעלבער צייט.

משה נאַדיר — דער שטאָלצער, הערלעכער ריטער פון שעפערישן יידישן וואָרט — איז דורך אַלע זיינע פּאָליטישע, ליטעראַרישע און מענטשלעכע גלגולים אויף אייביק געבליבן געטריי זיינע איינציקע צווי „האַרצנס־דאַמען״: זיין היימישן שטעטל נאַראַיעוו און זיין אַמע־ריקאַנער שטעטל „ריווינגטאָן סטריט״, ווען ער האָט אַזוי וואונ־דערלעך־הערלעך באַזונגען.

דאָס, וואָס איז געווען פאַרן גריך האָמער זיין אומשטערבלעכע עלאַדע, נאָך וועלכער דער בלינדער דיכטער האָט צענדליקער יאָרן געבענקט אין גלות; דאָס, וואָס פאַר מילטאָנען איז געווען דער „פאַר־לוירענער גן־עדן״; דאָס, וואָס פאַר אַלעקסאַנדער בלאָקן איז געווען די אייביק זיך בייטנדיקע, אילוזאָרישע „ניעזנאַקאָמקאַ״ (די אומבאַ־קאַנטע) — דאָס איז פאַר משה נאַדירן געווען דער „פאַרלוירענער גן־עדן״ פון זיין נאַראַיעוו און דער „געפונענער גן־עדן״ פון ריווינגטאָן סטריט, וועלכע האָט זיך פון אים אפשר פיל מער דערווייטערט, ווי נאַראַיעוו.

:: :: ::

ווען מען לייענט משה נאַדירס לידער, זעט מען, ווי אַזוי ביים דיכטער האָט זיך גראַדנוויז אַנטוויקלט די אומגעהויער־רייכע שפע פון וואָרט־שאַפונג, אָט די פיל־קאָלירנדיקע, פאַרשיכורנדיקע שפיל פון און מיטן וואָרט, אויף וועמעס שפּיץ מיר זעען אָפט הענגען אַ געפיל,

צי אַ געדאַנק, ווי אַ טראָפּן האָניק (אָדער גאַל) אויפן שפּיץ פון אַ רייפן, זאַפטיקן וויינטרויב.

אין פּרט פון שפּראַך־מייסטערשאַפט איז משה נאַדיר געווען דער דירעקטער יורש פון מענדעלע מוכר־ספרים און פון שלום־עליכם. די צוויי גרויסע מייסטערס האָבן אַוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין, דעם פונדאַמענט פון אונדזער שפּראַך, און משה נאַדיר, זייער יורש און נאָכ־פאָלגער, האָט אויפגעשטעלט די פּרעכטיקע קאַרינטישע זיילן און באַ־צירט דעם בנין פון אונדזער לשון מיט אַזעלכע וואונדערלעכע פּרעס־קאָס און „מיוראַלס״, וואָס וועלן בלייבן אַ צירונג און אַ גייסטיקער קולטור־אוצר לדור דורות.

קליינגלויביקע ביטול־ און פּאַניק־פאַרשפּרייטער האַלטן אין איין רעדן ביי אונדז, אַז די יידישע שפּראַך גייט אונטער. שוין 40 יאָר ווי מען רעדט אַזוי — און מיין גאָט! ווי אַזוי קאָן אַ שפּראַך אונטערגיין, ווען זי קאָן שאַפן אַזעלכע פּילקאָלירנדיקע וואָרט־מייסטערס, ווי משה נאַדיר, וועלכער האָט געצויגן זיין יניקה פון די סאַמע טיפסטע און קלאָרסטע קוואַלן פון פאָלקס־חכמה, פון פאָלקס־ווערטל, פון פאָלקס־בילד און פאָלקס־פּאַטאָס?

משה נאַדירס שפּראַך־אינסטרומענט איז באמת געווען דער פּיל־סטרוניקער אָרקעסטער, וואָס האָט געקאָנט אויסשפּילן פון דעם קלענסטן איינפאַכסטן פאָלקס־ליד ביז בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע פון וואָרט, געפיל און געדאַנק.

:: :: ::

די גרונט־שטריכן פון משה נאַדירס פּאָעזיע און די מיילצייכנס פון זיין דיכטערישן וועג זיינען: 1) צאַרטער, פאַרחלומטער ליריזם, און 2) בייסיקער, גאַליקער פּאַטאָס אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אומיושר פון דעם וועלט־סדר.

אָט די צוויי גרונט־שטריכן פון זיין שאַפן שלענגלען זיך דורך אַלע זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן פון נאַראַיעוו ביז וואודסטאָק.

און קיינער, דאַכט זיך, האָט אַזוי טרעפלעך ניט כאַראַקטעריזירט נאַדירן, ווי ער האָט עס אַליין געטאָן אין איינעם פון זיינע לידער פון דער גרויסער פּאָעמע „אַ וועלט מיט אַרבעט״, וואו ער רופט אויס:

„איך בין די אַלטע מיטעלע וועלט,
די וועלט, וואָס לויפט־אָפּ איר מעכאַניזם:

איך שטעק מיט וואָרצלען אין ראָמאַנטיק,
מיטן האַרץ אין קאָמוניזם".

אָפּטמאָל האָט פּאַסירט, אַז אָט די צוויי גרונט־שטריכן אין משה נאַדירס שאַפן האָבן ניט געלעבט בשלום צווישן זיך. און דעמאָלט איז ער געווען דער אומגליקלעכסטער מענטש.

אָבער ווען אָט די צוויי גרונט־שטריכן זיינען זיך צונויפגעפאַלן אין איין שטראָם (און דאָס האָט פּאַסירט זייער אָפט!), דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן דער גרויסער קינסטלערישער סינטעז: משה נאַדיר, וועמען מיר אַלע באַוואונדערן ביז היינט. דער רעזולטאַט פון אָט דעם סינטעז זיינען די אומשטערבלעכע לידער, וואָס נאַדיר האָט געשאַפן און וואָס וועלן בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַזוי לאַנג, ווי יידיש וועט לעבן.

ווען מיר קוקן זיך צו גענויער צו משה נאַדירס ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, זעען מיר, אַז די זעלבע גרונט־שטריכן האָבן גע־קעמפט אין אים פון דעם ערשטן ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

זייער טרעפלעך און קינסטלעריש־עכט האָט משה נאַדיר באַצייכנט אין זיך אַליין דעם געראַנגל פון אָט די הויפּט־כוחות אין אים אין זיין ליד „פליגל און אַנקער":

„עס בריט מיך אַ ווייטיק אַ ווילדער —
איך ליג אין דער וועלט אַ קראַנקער,
פאַרקריץ איך דעם שמערץ אויף מיין שילדל
אין צייכן פון אָדלער און אַנקער.

צווישן די שטערן און שליימען,
צווישן די שפּיצן און נידער —
עס קלינגען די בלאָנדזשענדע ריימען
פון מיינע דערציטערטע לידער.

מיין האַרץ איז מיט אָדלערס באַוואָקסן,
מיין זויל איז באַוואַקסן מיט בלייען..." —

:: :: ::

דער „נאַראַיעוו מאָטיוו", דאָס צאַרטע, לירישע, טערפּקע־זיסע גע־זאַנג האָט אים פאַרפּלייצט פון דעם ערשטן ליד אָן.

נאַדירס שטעטל נאַראַיעוו פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז ניט דאָס בלאָטיקע, אָרעמאַנסקע גאַ־ליציש־אוקראַיניש שטעטל, וואָס מען געפינט אין די ווערק פון אַלע אונדזערע קלאַסיקער. נאַראַיעוו ווערט אונדז געוויזן דורך צאַרטן, גראַציעזן, ווינער־סטילערישן משה נאַדיר — און אויפן שטעטל איז אויסגעגאָסן דער פיל־קאָלירנדיקער חן פון נאַדירס פאַרבן־פּאַליטרע און דער טערפּקע־זיסער געמיט פון אַ דיכטער, וואָס קוקט רעטראָס־פּעקטיוו אויף דעם לעבנס־קוואַל פון זיין שעפערישן, קינסטלערישן שורש.

אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער וועגן נאַראַיעוו דריקט דער דיכטער געגנוי אויס זיין בענקשאַפט נאָך זיין אור־קוואַל:

„אָ, היימלאַנד, דו מיין היימלאַנד, דו האָסט מיר צוגעבונדן
צו זיך מיט שטריק פון פייער, פון אַטלעס און פון זייד.
אויף קאָרן־אַקעאַנען פלאַמען רויטע וואונדן —
און איך שטייג־אַפּ ביים ווינקל פון הימל און פון צייט".

און אין אַ רגע פון גרויס פאַרצווייפל, כמעט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, רייסט זיך ביי נאַדירן אַרויס אַזעלכע שורות וועגן זיין היים־שטאָט:

„כ'האָב מיך אַרויסגעריסן פון נאַראַיעוו,
ווי מען רייסט אַרויס אַ צאָן".

אָבער לאַנג האָט דער צווייפל אים ניט געקאָנט פּלאָגן, ווייל פון אַלע וואַנדערונגען איבער ווין, ניו־יאָרק, מאָסקווע, קומט ער שטענדיק צוריק צו זיין שורש־נאַראַיעוו און ער רופט אויס מיט גרויס פרייד:

„בלויז דו, אָ קרוין־שטאָט פון מיין לעבן,
נאַראַיעוו — טאָלנפּולע ערד:
עס האָבן פופציק יאָר דיין צויבער
נישט פאַרמינערט, נאָר פאַרמערט".

:: :: ::

מע קאָן אָן שום גוזמא זאָגן, אַז קיין איין יידישער שריפטשטע־לער אין אַמעריקע האָט ניט אַרויסגערופן אַזויפיל ליבשאַפט, פאַר־ערונג — פון איין זייט און האַס, ביטול און ציין־קריצעניש — פון דער צווייטער זייט, ווי דאָס האָט געטאָן משה נאַדיר אין פאַרלויף פון די

40 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט און געווירקט אין דער יידישער לי־טעראַטור.

און זיכער איז ניט געווען קיין אין יידישער דיכטער נאָך מאָריס ראָזענפעלד, וואָס איז געווען אַזוי איינגעבאַקן אין די הערצער פון זיינע לייענער, ווי דאָס איז געווען משה נאַדיר פון דעם ערשטן ביזן לעצטן ליד, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער פאַרצייכענונג, וואָס איז אַרויס פון זיין טאַלאַנטפולער פען.

פון דער גרויסער, אומגעהויערער ליבשאַפט, מיט וועלכער די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך באַצויגן צו נאַדירס שרייבן, קאָן מען זען, אַז זיי, די טרעגער פון דער וועלט־גאולה, האָבן אים יאָ גע־גלייבט.

און ווען משה נאַדיר האָט פאַר זיך דערזען דעם טיפן תהום, דעם באַנקראָט פון זיין חלום פון אַ וועלט־גאולה — און ער האָט איבער־געריסן מיט דער באַוועגונג, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן די שענסטע און פרוכטבאַרסטע יאָרן פון זיין לעבן, האָבן זיך ווידער געפונען ציניקער און רשעים, וואָס האָבן נאַדירן ווידער ניט געגלייבט:

— עט, אַ נייע מאָסקע!

אָבער זיינע געטרייע לייענער האָבן געגלייבט נאַדירן, און בלויז זיינע נאָענטע פריינט האָבן געוואוסט, וואָס נאַדיר לעבט איבער.

:: :: ::

ניט געקוקט אויף אַלע צווייפלען און פאַרצווייפלונגען, וואָס משה נאַדיר האָט, ווי יעדער גרויסער דיכטער, געהאַט, האָט ער ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געגלייבט, אַז אים איז געווען אָנגעצייכנט דורכ־צופירן אַ גרויסע שווערע שליחות אין לעבן — און אַז ער האָט די דאָזיקע שליחות דורכגעפירט בשלימות.

און פול מיט פרייד און יובל קלינגען די שורות פון זיין ליד:

„די ליפּ פון טויט ניט אָפּווישן וועט קאָנען
דעם מינדסטן אָנריר פון מיין שטילער האַנט".

די מאָוימדיקע צייט אונדזערע, דער אָנקום פון קריג, די שוי־דערלעכע פּאַסירונגען אין אייראָפּע, די טאָטאַלע, אומברחמנותדיקע אויסראָטונג פון דעם יידישן פאָלק אין די היטלער־אָקופּירטע לענ־דער האָבן ביסלעכווייז איבערגעריסן די לעצטע שוואַכע פעדים פון זיין אָנגעגריפן האַרץ.

און ווען נאַדיר האָט דערפילט דעם אָנקום פון דעם אומפאַרמייד־לעכן סוף, האָט ער עטלעכע טעג פאַרן טויט אָנגעשריבן זיין אומ־שטערבלעך ליד „נענטער״.

פון זיין האַלב־צעבראָכענער פלייט־האַרץ האָבן זיך, ווי דער לעצ־טער אַקאָרד, אַרויסגעריסן די שורות:

„איך וואַרט און וואַרט אַליין, אַליין...
צי וועט מיר גאָט אַנטקעגן גיין?

אַ צוויי־דריי טריט כאָטש ביז צום שוועל —
איך טראָג אים שניי־בלימלעך אין זעל.
שמע ישראל — דער סוף פון ליד
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייד״.

מיט משה נאַדירן איז אָפּגעשטאָרבן אַ גרויסער ייד, וועמעס נאָ־מען עס וועט בלייבן אַ לעגענדע.

מודה אַני

אויטאָביאָגראַפיש

.1

מיין פּאַספּאָרט...

מיין פּאַספּאָרט אויף איין פוס, אויף וויפל עס איז שייך צום ענין:
איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע.

מיין טאַטע איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ שטיקל סוחר. דער־נאָך איז ער פאַראָרעמט געוואָרן און איז געוואָרן אַ לערער ביים פּאַ־סעסאָר אין הויף. מיין יחוס־בריוו איז, אַלזאָ, ווי איר זעט, ריין פון „בורזשואַזע פלעקן".

ביי דרייצן יאָר בין איך שוין אין אַמעריקע מיט מיינע עלטערן. מיר וואוינען אויף דער איסט־סאַיד — אויף פּיט קאָרנער סטענטאָן, דאַכט זיך... ווייט פון נגידים און „קאַפּיטאַליסטישע אַגענטן"!

כדי מפרנס צו זיין אַ שטוב מיט 5 קינדער און אַ קראַנק ווייב, פעדלט מיין טאַטע מיט שנאַפּס — „יצחק גאָלדבערגס שנאַפּס".

איך זע אים נאָך איצט פאַר די אויגן: אַן איינגעהויקערטער, אַ יונג־גרויער, מיט אַ טויטער באָרד איבער בלוטלאָזע ליפּן, ווי ער שלעפּט זיך מיט די שטרוי־פאַרפלאָכטענע גאַלאָנען שנאַפּס איןביידע הענט צו די טאָפּ־פלאָרס, וואו אונדזערע לאַנדסלייט וואוינען.

פאַרוואָס דערצייל איך דאָס אייך? כדי איר זאָלט פאַרשטיין, אַז ניט געקוקט אויף מיין „ווינער פּעלערינע", וועלכע איז מיר באַ־שערט געווען צו טראָגן אין דער ליטעראַטור מער ווי אין לעבן, בין איך בטבע ניט פון „אַריסטאָקראַטישן קלאַס", נאָר פון „ריין־פּראָלע־טאַרישן" יחוס.

ביי מיין פערצנטן יאָר האָב איך שוין געפילט דעם טעם פון סוועט־שאַפּ, פון נויט.

נאָר מאָדנע: מער ווי נאָך פיזישער פרייהייט, האָב איך געגאַרט נאָך גייסטיקער פרייהייט.

אַז איטלעכער מענטש איז צוגעקאָוועט צו דער וועלט מיט אַ קייט, האָב איך שוין דעמאָלט באַגריפן.

די פראַגע וועגן דער לענגשאַפט פון דער קייט, איז ביי מיר געווען פון די מינדערע זאַכן.

איך שרייב און שרייב...

איך האָב אין מיין לעבן אויסגעדינט אַלע עבודה־זרהס, ווי מען זאָגט. געוואָרפן זיך פון פאַך צו פאַך, אָבער שטענדיק האָב איך גע־אַרבעט פאַר ווייניקער, ווי איך בין ווערט געווען, זיך באַמיענדיק צו טאָן מיין אַרבעט אַזוי גוט און אַזוי געטריי, ווי מעגלעך, כדי דער באַלעבאָס זאָל האָבן דרך־ארץ פאַר מיר און ניט איך פאַר אים.

פאַרקויפנדיק מיין גוף פאַר ביליק, בין איך געווען אימשטאַנד צו לעבן בשלום מיט מיין זעל. ניט געדאַרפט חנפענען קיינעם, ניט קריכן פאַר קיינעם אויפן בויך.

מיר איז געווען ליבער יענער זאָל אין מיר כאַפּן אַ מציאה, איידער איך אין יענעם.

דער שפּלער שפּיל פון חן און חניפה איז מיר ביז היינט פרעמד.

אַ יידישער שרייבער בין איך שוין אַרום פיר צענדליק יאָר און איך האָב שוין מיט דער־אַ פען, ווי איר קוקט זי אָן, אָנגעשריבן פאַר־שיידנערליי ביכער: גוטע, שלעכטע און מיטלמעסיקע.

אַחוץ די אַזוי פיל און אַזוי פיל ביכער, האָב איך מיר מיט דער אייגענער פען אָנגעשריבן — אַ לעבן פון אָרעמקייט.

און שונאים — אָן אַ שיעור, אין אַלע ליטעראַרישע לאַגערן.

מיינע שונאים (ווי מיינע פריינט) זיינען מיר ניט גרינג אָנגעקומען — מיינט ניט. איך האָב שווער געאַרבעט אויף זיי.

אין דער „הייליקער מלחמה", וואָס איך האָב געפירט פאַר אַ „בע־סערער מענטשהייט", האָב איך אָפט ביטער געזינדיקט קעגן דעם איינ־ציקן מענטשן.

פאַרגיט מיר, איך בעט אייך, אויב איר קאָנט. איך פאַרזיכער אייך, אַז די בייטש, וואָס האָט אייך געשלאָגן, האָט זיך אַליין מער שאָדן געטאָן ווי אייך.

ווי איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט:

ווייל עס טוט מיר אַזוי וויי, דערפאַר טו איך אייך אַזוי וויי.

איך האָב געזוכט אַ גאָט

פרומע יידן גלויבן, אַז דעם מענטשנס גורל ווערט אָנגעשריבן אין הימל. ס׳איז אָבער אויך באַקאַנט, אַז אַ שרייבער שרייבט זיך אַן זיין גורל מיט זיין אייגענער האַנט.

„מי ברעב ומי בחרב״ — — —

איינזאַמקייט איז געווען מיין לוין פאַר ניט באַלאַנגען צו קיין שום פען־גרופּע — ניט צו די „פּאַטריציער״ און ניט צו די „פּלעבייער״.

ביטערקייט איז געווען מיין לוין פאַר דעם, וואָס אַמאָל־אַמאָל, אין די יונגע טעג פון מיין לעבן, איז אַלצדינג אין מיר געווען ריין און זיס ווי דער מאַמעס מילך.

געבוירן אין אַ משפחה פון גאָט־זוכער, האָב איך שוין קליינער־הייט גענומען זוכן אַ גאָט, און, אָנשטאָט דעם, געפונען . . . ס׳לעבן !

און געדאַכט האָט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך איינער אַליין האָב געפונען דעם אַנטציקנדן סוד פון דער וועלטס הערלעכקייט און אַז נאָר איך אַליין וויס דערפון און איך וועל עס קיינמאָל קיינעם ניט אויסזאָגן, ווייל עס וואָלט געווען אַ חילול־השם...

גאָט האָט ביי מיר דעמאָלט געהייסן: דאָס לעבן...

כ׳האָב געטוליעט ס׳לעבן צו זיך און געבענקט דערנאָך.

געהאַלטן עס אין די אָרעמס און גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם, פון ליבשאַפט.

שיכור בין איך געווען פון דעם גאָלדענעם וויין פון לעבן, וואָס האָט געשפּילט אין אַלע צעלן פון מיין געהירן, אין אַלע טראָפּנס פון מיין בלוט !

און פּלוצים, אַז איך האָב אין דער גרוי־וואָכעדיקער וועלט פון ניו־יאָרק די אויגן אויפגעמאַכט, האָב איך צו מיין שרעק דערזען, אַז כמעט יעדער מענטש איז יעדן מענטשנס שונא, און אַז אַריינגיין אין לעבן דאַרף מען ווי אין אַן אַרמיי: זיך שלאָגן !

קיין שלעגער בין איך ניט. קיין „גיבור״ אויך ניט. האָב איך אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן פון שרעק:

„אויף אַזאַ הויכן. מלחמה־באַרג וועל איך מיך דאַרפן אַרויפ־דראַפּען כדי אויפן שפּיץ דאָרטן דאָס שטיקל ברויט, דאָס ביסל כבוד צו דערגרייכן ?״

אָבער דראָפּען זיך אויף אַלע פיר, איז, לויט מיין נאַטור, מעגלעך געווען בלויז צו עפּעס אַן אידייע, אַ משיח, אַ גאָט...

נאָר קיין גאָט איז ניט געווען צו געפינען אינערגעץ אין דעם „וויסטן אַמעריקע" פון יאָר 1904!

האָב איך מיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, איבערגעלאָזט „קאָלאָמבוסעס מדינה" און בין אַנטלאָפן צוריק אין „אַלטן, שיינעם איראָפּע", וואו דאָס לעבן האָט צו יענער צייט געהאַט — אויב ניט קיין שענערן אינהאַלט — איז כאָטש פיינערע פאָרמען.

אַזוי האָב איך דעמאָלט געקלערט.

אַז דאָס איז געווען אַ טעות, האָב איך זיך באַלד איבערצייגט.

אָפּגעוועזן אַ שטיקל צייט אין איראָפּע, האָב איך גענומען בענקען נאָך די אַמעריקאַנער באַנאַנעס, טאָמייטעס, הייסן שאָקאָלאַד...

כ'האָב געבענקט נאָך דער דעמאָקראַטישקייט פון דער איסט־סייד, נאָכן גלאַנץ פון בראָדוויי, נאָך אַמעריקאַנישער ברייטקייט און פרייהייט.

מיד פון אַרומוואַלגערן זיך אויפן איראָפּעאישן קאָנטינענט, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געשמעקט מיט „דעקאַדענץ", האָב איך מיך ענדלעך אומגעקערט קיין אַמעריקע, וואו איך וואוין זינט דעמאָלט, געפינענדיק דאָ „ס'פאַרשפּראָכענע לאַנד", פון וועלכן עס רעדט זיך אין דער ביבל.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווער איך אַ „דאָקטאָר"...

נאָך יאָרן פון אַרבעטן ביי אַלערליי פאַכן — צווישן זיי אויך שרייבעריי, שטייענדיק מיט מיין קופּקעלע לעזער „אונטער דער זון" און שמועסנדיק מיט זיי „פון מענטש צו מענטש", און נאָכדעם, ווי די קריטיק האָט מיר שוין געהאַט צוגעקלעפּט אַ צעטל פון אַ „שיין־דענקער און מפונק", און נאָכדעם, ווי איך האָב שוין געהאַט מיטגעמאַכט פיל „ליטעראַרישע מלחמות" אויף איסט בראָדוויי, האָט די אמתע וועלט־מלחמה מיך געטראָפן אין פילאַדעלפיע, וואו איך האָב געאַרבעט פאַר אַ צייטונג.

פריש פון מיינע „ליטעראַרישע געפעכטן" אין ניו־יאָרק, האָב איך מיך געמוזט „איבערברעכן", זיך צוגעוואוינען צו אַ פּשוטער, ניט־

ליטעראַרישער וועלט־מלחמה — צו דעם גאַנצן קאַלאָסאַלן גרויל און שוידער דערפון!

כ'האָב אויך געמוזט שלום מאַכן מיט דער פּאַרטאַיעטער שטאָט פילאַדעלפיע, מיט דער מוראדיקער פלו־עפּידעמיע, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט ווי אַ וואַלד־שרפה.

גייענדיק פון מיין וואוינונג אין סטראָבערי מענשאָן צו דער רע־דאַקציע, פלעגט מיר אויסקומען צו זען בלוט־פאַרקילנדיקע סצענעס, ווי אַזוי קרובים און פריינט פון די פרישע קרבנות פון דער „פלו", רייסן זיך ביי די „פּיונעראַל פּאַרלאָרס" איבער אַ טויטן־קאַסטן, וועל־כער יעדער פון די טענהט, אַז ער האָט אים פריער באַשטעלט.

און ס'איז געווען אַ טאָג, ווען איך בין איינער אַליין געווען די גאַנצע „רעדאַקציע", אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער זיינען געלעגן קראַנק אויף דעם „אונטערגאַנג".

אין דעם זעלבן טאָג האָב איך עפּעס געלערנט:

אַן עלטערע פרוי קומט אַריין צו אונדז אין אָפיס און פרעגט, צי זי „קאָן זען די רעדאַקציע?" אַזוי ווי איך בין אין יענעם טאָג, ווי געזאָגט, געווען די „גאַנצע רעדאַקציע", האָב איך געענטפערט, אַז „יאָ. וואָס ווילט איר, ליבע פרוי?"

„איך וויל", האָט זי געזאָגט, „אַז איר זאָלט מיר געבן עפּעס אַן עצה, ווי צו פאַרהיטן מיין הויז פון דער פלו, חלילה... איר מוזט דאָך וויסן", האָט זי געזאָגט, „איר זענט דאָך אַ רעדאַקציע" — — —

כ'האָב אויפגעהויבן אויף איר מיינע פאַרשלאָפענע אויגן און גע־ענטפערט, ווי פון היגער־פלעט:

„גייט אַהיים, ליבע פרוי, און ע... (כ'האָב געטראַכט אַ רגע) גיט זיך אַלע דריי שעה אויפן זייגער אַ צי ביים לעפל פון רעכטן אויער..."

די יידענע איז אַוועק און איז צוריקגעקומען ערשט מיט אַ חודש שפּעטער, ווען די פלו־מגפה האָט זיך שוין געהאַט געזעצט.

זי האָט געשטראַלט פון פרייד.

גאַרניט וויסנדיק, ווי מיר אָפּצודאַנקען פאַר מיין עצה, האָט זי מיר דערציילט, אַז ביי איר אין שטוב האָבן אַלע געגלייבט אין דער סגולה פון ציען זיך ביים רעכטן אויער־לעפל און... זיי זיינען, דאַנקען גאָט, געראַטעוועט געוואָרן.

אין יענעם מאָמענט איז מיר איינגעפאַלן, אַז „גלויבן" איז אַ גרויס באַקוועמלעכקייט, ניט נאָר פאַר די מאַסן, נאָר אויך פאַר די אויס־דערוויילטע יחידים.

איך האָב דאָס דאַן פאָרמולירט אַזוי:
ביי די רייכע איז גאָט אַ לוקסוס אַזוי ווי שאַמפּאַניער, אָבער ביי די אָרעמע איז גאָט אַ נויטווענדיקייט, ווי ברויט...

משה לייב האַלפּערן, קאַלעגע עקס און איך

מיין וועג אין די נאָך־מלחמה יאָרן איז געווען אַ פינצטערער, אַ האָפענונגסלאָזער.

„וואוהין איצט?" — האָב איך זיך געפרעגט. און קיין ענטפער איז ניט געקומען פון ערגעץ.

די קעגנוואָרט איז געווען בלינד, און די צוקונפט — טויב! (ביי דער פאַרגאַנגענהייט איז נאָך געגאַנגען אַ פּאָרע פון די בלאַטיקע האַלבע לבנות — די קנאַפּל!)

אומקערן זיך צוריק אין בית־המדרש אַריין, ווי אַנדערע, האָב איך ניט געקאָנט.

כ'האָב דעם וועג אַהין קוים אַמאָל געוואוסט.

דער עקזאַלטירטער מתנגד, וואָס איך בין געווען, האָב איך גע־וואוסט פון קאַלטן ליכט אַזוי גוט ווי פון הייסן פלאַקער. נאָר דער חסידישער אינסטינקט בלינד נאָכצוגיין דעם רבין, איז מיר געווען פרעמד.

מיט מיין אייגענעם שכל האָב איך זיך דערטראַכט צום יעקב גאָרדינשן עפּיגראַם, אַז אויב אין יעדן מענטשן וואוינט אַ גאָט, מוז דאָך אין יעדן גאָט וואוינען אַ מענטש...

קיין העכערס פון מענטש איז ניטאָ. גאָט איז בלויז אויף אַזוי פיל העכער, אויף וויפיל דער מענטש טראָגט אים אויף זיין אַקסל.

אָדער אויף די שטראַלן־הערנער פון זיין געדאַנק.

אין דער טאָליקער מרה־שחורה פון אַזוינע מחשבות האָב איך אַ שטיק פון מיין לעבן אָפּגעשפּאָנט.

אין איינזאַמע הונגער־טעג זיך די זעל אַרויסגעברילט, ווי אַ שטאַרבנדיקער וואָלף אויפן שפּיץ פון אַ פעלז, אונטער וועלכן עס פלאַקערן די ווייסע בראַנדן פון ים.

איז אַרונטערגעקומען מיין אַלטער קאַלעגע עקס.

ער האָט מיך און מיין פריינט האַלפּערן גענומען אונטער די אָרעמס און אונדז פאַרטרויט אַ סוד, אַז עס גרינדעט זיך אַ נייע צייטונג, אַ קאָמוניסטישע, וועלכע האָט פאַר איר אויפגאַבע צו פאַרברידערן

אַלע פעלקער פון דער ערד, אַפּשאַפן נויט, הונגער און אומגערעכטי־קייט פון אונדזער „יאַמער־טאַל".

מיר זיינען אַלע דריי אַריינגעגאַנגען ערגעץ אין אַ רומענישן קע־לער־קאַפע אויף דער איסט־סייד, וואו מיר האָבן באַשטעלט אַ קריגל רויטן וויין.

קאַלעגע עקס האָט גערעדט שטיל, חבריש און געהיימניספול און מיר ביידע — איך און מ. ל. האַלפּערן — האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

איך ווייס ניט, ווי מיינע אייגענע, קאַלירלאָזע אויגן, נאָר האַל־פּערנס שטאַלענע שוואַרצאַפלען האָב איך געזען אויפלויכטן, בעת עקס האָט דערקלערט דעם פּראָגראַם פון דער געפּלאַנטער צייטונג — „די פרייהייט".

די ניו־יאָרקער יידישע טאָג־פּרעסע איז אונדז ביידן — מיר און משה־לייבן — שוין דעמאָלט געווען אַ בעל־חוב: זי האָט אונדז קיין ברויט און וויין ניט געגעבן, האָבן מיר איר אָפּגעצאָלט מיט . . . וואָס מיר האָבן געקאָנט.

„פאַרשטייסט", האָט איינער פון אונדז געטענהט צום צווייטן, „אַ נייע צייטונג אָן אַרעמע, וואָס האָט קיין געלט ניט, וועט זי מסתמא צוציען די אייגנאַרטיקסטע שריפטשטעלער און אויב אַזוי", האָבן מיר געזאָגט, „איז אונדזער חוב זיך אָנצושליסן".

מ. ל. האַלפּערן האָט נאָך אַ ביסל געצעגערט. איך בין באַלד אַריין אין סטעף פון דער „פרייהייט".

איך האָב געזאָלט שרייבן צוויי זאַכן אַ וואָך און באַקומען אַ באַ־שטימטן האָנאָראַר. נאָר אַזוי ווי באַלד נאָך די ערשטע פּאָר וואָכן האָט מען שוין ניט געצאָלט קיין שכירות, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל שרייבן פיר־פינף אַרטיקלען אַ וואָך און מער (אונטער פאַרשיי־דענע נעמען). עס איז שוין אַלץ איינס . . .

אַ ליכט גייט אויף פון . . . ווייסן ברויט

צוריקגייענדיק צו דער סצענע צווישן דעם „רויטן מיסיאָנער" חבר עקס, און די צוויי „נאָווויסן" — משה לייב האַלפּערן און איך, דער־מאָן איך מיך, אַז פון עקסעס רייד איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן ווי פון עפּעס אַ שטראַל פון אַ לאָמפּ אויף אַ פענצטער אויף אַן איינזאַמען דאָרף־וועג.

„וואָס לויכט עס דאָרט אַזוי?" האָב איך געפרעגט ביי חבר עקס, רעדנדיק ווי פון גלי־היץ, ווי פון פיבער.

„אָט דאָס", האָט ער געזאָגט, „איז דאָך לענינס קאָמוניזם, דאָס נייע ליכט, וואָס גייט־אויף אויף דער וועלט — ווייסטו ניט?"

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

איך האָב ניט געוואוסט.

„טאָקע?" האָב איך געענטפערט מיט אַ פאַרשעמט קול, „דאָס נייע ליכט! אַוואַ, און פונוואַנען", זאָג איך, „גייט עס אויף, זאָלסט מיר לעבן?"

„וואָס הייסט, פונוואַנען?" ענטפערט ער, „פונעם פייערדיקן הימל אין מאָסקווע, וואָס איז פול מיט שטורעם און מיט מופתים..."

איך האָב מיר געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז אַ בייזער חלום... ווייל עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס נייע ליכט, וואָס גייט אויף איז בלויז דער גלאַנץ פון אַ ווייס שטיק ברויט, און ווייטער גאָרניט.

נאָר פון דער פינצטערניש איז אַרויסגעקומען אַ קול און דאָס קול איז געווען גרויליק־טיף און ס'האָט געציטערט און ס'האָט געזאָגט:

„ברויט איז הייליק... בייג אָן דיין קאָפּ, משה נאַדיר... צי אַראָפּ די שיך. דאָס אָרט, וואו דו טרעטסט איז ערד. אויף דעם וואַקסט תבואה, תבואה איז ברויט. ברויט איז הייליק..."

אונטערן היפּנאָז פון די פאַרכישופטע רייד פון קאָלעגע עקס בין איך אַנדרימלט געוואָרן, ווי אַ קראַנק יינגל ווערט אַנדרימלט צו די צאַרטע טענער פון באַכס אַ קאָנטשערטאָ.

מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך האָב זיך געלייגט אַפּרוען אינ־מיטן וועג, אין אָפענעם פעלד. אינמיטן שמאָלן שליאַד, וואָס פירט פון לעבן צום טויט און . . . צוריקוועגס.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז געווען אַרום 4 אַזייגער, אין אַן אומקרייטיקער ווינטערנאַכט פון 1922.

לעבן מיר איז געזעסן מיין שוין איצט פאַרשטאָרבענער חבר מ. ל. האַלפּערן.

ער האָט מיך געהאַלטן ביים דופּק, געקוקט אויף מיר מיט זיינע קינדישע אויגן (דורך די שווערע טאָפּל־ברילן) און געזאָגט:

„ס'איז גוט אַזוי. דו פילסט זיך שוין בעסער, משה נאַדיר. האָסט שוין אַ גאָט... מזל־טוב דיר!"

און ער האָט זיך צעשמייכלט מיט זיין טיטאַנישן שמייכל.

„נו, און דו, משה לייב?" האָב איך געפרעגט, „אַז איך גיי צו גאָט", וואוהין זשע, מיין פריינט, וועסטו גיין?"

„איך?" האָט מ. ל. האַלפּערן געענטפערט, „וועל מיך אַ ביסל אַרומדרייען אין דרויסן אַרום'ען ליכט. דערנאָך וועל איך מיך אַריינ־כאַפּן אינעווייניק אין קאָמוניזם אַריין, אויף גיך־גיך, איידער כ'האָב חרטה... ווייסט דאָך", זאָגט ער, „דיכטער האָבן אַ טבע חרטה צו האָבן... און ווי זאָגט דער פילאָסאָף פלאַוויוס קאָמפּראָמיסוס", האָט ער ציטירט אַן אויסגעטראַכטן פילאָסאָף, „אַ דענקער איז אַ טראַכטער, נאָר אַ פּאָעט איז אַן איבער־טראַכטער..."

„אינעם איבערטראַכטן", מאַכט ער, „ליגט די געפאַר".

אַזוי אומגעפער, האָט געזאָגט מיין פריינט משה לייב האַלפּערן.

עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט, ווען איך האָב אים באַגעגנט צום לעצטן מאָל, האָט זיך פאַר מיר האַלפּערן באַקלאָגט:

„איך בין אַריין אין דער טיר פון קאָמוניזם מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איך בין באַלד אַרויס דורכן פענצטער... דו אָבער טאַפּסט דעם וועג פּאַוואָליע. דו גייסט און דו גייסט... דו וועסט אַזוי גיין יאָרן און יאָרן. נאָר איידער דו וועסט אָנקומען, האָב איך מורא, וועט שוין ניט זיין צו וואָס!"

די ערשטע העלפט פון דער־אָ פינצטערער נבואה (טיילווייז מיין אייגענע), האָב איך אַמאָל ציטירט אין דער „פרייהייט" אין אַן אַרטיקל איבער משה לייב האַלפּערן. די אַנדערע העלפט האָב איך באַהאַלטן פאַר זיך ווי אַ רעליקוויע.

אין זיך האָב איך שוין דעמאָלט געוואוסט פון דעם אמת, אַז אַלע „משיח־פּאַלאַצן" ווערן געווייגלעך פאַרטראַכט אַזוי גראַנדיעז, און עס געדויערט אַזוי פיל יאָרן איידער מ'בויט זיי אויף, אַז איידער מען ציט אַרויף דעם דאַך פּוילט שוין דער פונדאַמענט...

בין איך דעריבער אַריין אין קאָמוניזם פּאַוואָליע־פּאַוואָליע, כאַפּנ־דיק אַלע מאָל אַ קוק אויף הינטערווילעכס און האַלטנדיק זיך שטענדיק ביי דער „ליניע", ווי ביי אַ פאַרענטש אַרום אַ שפּיץ פון אַ הויכן, קיי־לעכדיקן דאַך, פון וועלכן מען קאָן אַ ליאַדע מינוט אַראָפּפאַלן און צעשמעטערט ווערן.

איך בין, הייסט דאָס זשע, אַריין אין דער „פרייהייט", געוואָרן פריער אַ מיט־שטייער, דערנאָך אַ מיט־גייער, דערנאָך אַ מיט־לויפער.

איך בין געלאָפן מיט אַ שווער האַרץ... און ווייל איך האָב געקענט מיין טיפן אומגלויבן, האָב איך מיך מיט געוואַלט אַריינגעהאַרטעוועט אין אַן אייזערנעם גלויבן, אַ שטאַלענער דיסציפּלין.

נאָר ספקות האָבן געפרעסן מיין האַרץ און עס רוען ניט געלאָזט.

2.

דער אָנהייב פון דער לענין־פאַרגעטערונג

אין יענער צייט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון דער לענין־פאַרגעטערונג, וועלכע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער סטאַלין־פאַרגעטערונג אין די שפּעטערע יאָרן.

די לענין־געצנדינערייי איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אידעלע, אַ פאַרזיכטיקע. אָבער מיט אַלע מיינע חושים האָב איך פאַרגעשפירט, אַז דאָס גייט אַ געצן־קולט, וואָס קאָן די וועלט חרוב מאַכן.

ערשט, אַז לענין איז מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע, האָב איך דעם קאָפּ געבויגן צו דער נויטווענדיקייט פון אַן „אָפּגאָט פאַר די מאַסן".

„די רוסן", האָבן מיר חברים דערקלערט, „זיינען ווי קליינע קינדער. רעדן צו זיי וועגן אַן אַבסטראַקטן גאָט, איז אַרויסגעוואָרפן. זיי דאַרפן האָבן אַ גאָט, וואָס זיי קאָנען זען מיט די אויגן, אָנטאַפּן מיט די פינגער... אויב ניט קיין לעבעדיקן גאָט, איז כאָטש אַ טויטן."

אַזאַ „גאָט" איז איצט געלעגן אין מירמעלנעם מאַזאָליי, אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע, מיטן מאָנגאָלישן, קליינעם פּנים געפּאַנצערט אין דער פעסטקייט פון טויט און פון אומשטערבלעכקייט.

אָבער אַ סך פראַגעס האָבן מיר קיין רו ניט געגעבן.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין איז געווען דער מאַרקסיסטישער פּאַראַדאָקס, אַז דאָס מאַטעריעלע לעבן איז אַלץ און דער אידעאַל — גאָרניט. און . . . דערפאַר דאַרף יעדער זיין גרייט אָוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר אַן אידעאַל!

אויף מיין פראַגע צו די חברים:

„וואָס מאַכט איר פון מענטשן אָפּגעטער?" איז שטענדיק געקומען דער גרייטער ענטפער:

„דו דאַרפסט זיך ניט מישן אין פּאָליטיק, משה נאַדיר, דו ביסט אַ פּאָעט".

די פרומע פּאַרטיי־קעץ האָבן שוין דעמאָלט ציניש געשמייכלט אין זיך אַריין:

„פאַרלאָז זיך אויף אונדז! מיר'ן דיך ניט פאַרפירן, חלילה...״

אין פרילינג פון יאָר 1926 האָב איך באַשלאָסן עולה־רגל צו זיין צום „הייליקן לאַנד פון די סאָוועטן״.

די „פרייהייט״ האָט מיר געמאַכט אַ גרויסן „אָוונט״, אויף וועלכן איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „איך פאָר קיין רוסלאַנד געוואויר ווערן פון דער ערשטער האַנט, צי איז ניט דער לעניניזם אַ רעליגיע פון בלויז ברויט מיט פוטער? פאַר אַנדערע הונגעריקע מענטשן״, האָב איך געזאָגט, „מעג עס זיין זייער גוט, „נאָר איך״, האָב איך געזאָגט, „הונגער מיט דער זעל, מער, ווי מיטן גוף...״

האָט מען מיך דערפאַר גוט אויסגעשייגעצט אין דער קאָמוניס־טישער פרעסע, מיך גערופן „געפּעשטשעטער בן־יחיד״, „צעבאַלע־וועטער אַריסטאָקראַט״ און ענלעכע נעמען.

איך האָב פאַרביסן די ליפן און געשוויגן. איך האָב געגלויבט, אַז אפשר האָב איך ניט געדאַרפט אַנטפּלעקן אַזוינע נאַקעטע אמתן פאַרן פאָלק.

איך פאָר קיין מאָסקווע „זיך בענטשן״

די געשיכטע פון מיין רייזע איבער איראָפּע קיין רוסלאַנד איז טויזנט מיט איין נאַכט. אָבער טאַקע נאַכט!

פינצטערע נאַכט, דורך וועלכער איך האָב געטאַפּט דעם וועג צו זיך, צו גאָט, צו מענטש.

איך וועל מיך ניט אַריינלאָזן אין לאַנגע דרכים וועגן מיין נייך־חדשימדיקער רייזע איבער פיל טיילן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָ וויל איך בלויז דערציילן, אַז מיין גאַנג צום „קאָמוניסטישן אידעאַל״ איז געווען אויסגעלייגט מיט שפּיציקע שטיינער.

איך האָב אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געזען נויט, ביוראָקראַטיע, אָרעמ־קייט, איך האָב אָבער אויך געזען דאָס נייע פיל־פאַרשפּרעכנדיקע לעבן, די אינדוסטריעלע דערגרייכונגען, און איך האָב געטראַכט, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ איינסטאַבילירן, לויט דער נבואה פון לענינען. דערווייל, האָב איך געטראַכט, דאַרף מען קוקן אויף דעם אַלעמען פון דער הייך. פון דער הייך האָט מיר דעמאָלט דער קאָמוניזם — אין די יאָרן 1926—1927 — אויסגעזען ווי די איינציקע רפואה צו אַלע איבלען פון דער געזעלשאַפט.

אַזוי, יעדנפאַלס, האָב איך דאָס געוואָלט פאַרשטיין. אפשר דער־פאַר, ווייל דער קאָמוניזם האָט מיך שוין געהאַט אַזוי פיל געקאָסט (אין געזונט און אין גלויבן!) און מעגלעך אויך דערפאַר, ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט לאָזן באַאיינפלוסן פון די אייגענע אומבאַקוועמלעכ־קייטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צוליידן אין רוסלאַנד. בין איך אַרויס פון דאָרטן אַן איבערצייגטער קאָמוניסט.

איך האָב געזאָגט צו זיך אַזוי:

„פאַר דיר, ברודער משה נאַדיר, מעג דער קאָמוניזם טאַקע ניט טויגן. דו האָסט ליב אַרבעטן, עסן און שלאָפן ביי פאַרמאַכטע טירן און פאַרהאַנגענע פענצטער. דו האָסט ליב איינזאַמקייט און פריוואַט־קייט, שטילקייט און מעדיטאַציע; אָבער ביי דער גרעסטער צאָל מענטשן", האָב איך געשריען אויף זיך, „באַשטייט פרייהייט הויפט־זעכלעך אין דער מעגלעכקייט צו זיין פריי פון אַבסאָלוטן הונגער און פון פיזישע יסורים... און קיין פאַרהאַנגענע פענצטער פעלט זיי ניט און נאָך שטילקייט און מעדיטאַציע האָבן זיי דערווייל קיין צייט ניט צו בענקען".

איך האָב געפונען אַ „גאָט"

איך האָב גענומען דינען דעם קאָמוניזם מיט לייב און לעבן.

ניט ווי די „גענעראַלן", וואָס שטאַרבן ברוך־השם אין בעט, אָדער הינטערן בעט, נאָר ווי איינער פון דער זעלבסטמאָרד־בריגאַדע, וואָס בינדט זיך אַרום דאָס האַרץ מיט דינאַמיט, מיט דער אויפגאַבע צו גיין בלויז אַהין און ניט צוריק.

וואָס פאַר אַ „דיבוק" עס האָט מיך באַזעסן — קאָן איך איצט אין רעטראָספּעקט ניט פאַרשטיין. אַזוי פּילפּאַל־קאָמפּליצירט איז דער מענטש, אַז אָפט וועט ער טאָן זאַכן, ווייל ער האָט מורא, אַז עס איז ניט פאַר זיינע כוחות.

ביי טשעכאָוון, דאַכט זיך, איז דאָ אַ מעשה, ווי איינער דאַרף זיך שלאָגן אויף אַ דועל מיט עמעצן און ער האָט אַזוי שטאַרק מורא פאַרן טויט, אַז ער באַגייט אַזש זעלבסטמאָרד...

ווען האָב איך ניט געזידלט און אויף ווען האָב איך מיך ניט געוואָרפן מיטן אימפּעט פון מיין זעלבסטמערדערישער פּען?!

אפשר איז דאָס געווען דאָס געוויסן אין מיר, וואָס האָט געשריען: „שריי הויך ... וועסטו ניט הערן ווי עס שרייט אין דיר".

אפשר איז אין דעם שולדיק געווען מיין פאַרשאָלטענע נאַטור — די נאַטור פון אַ זעלאָט; מיין גרויס אומגעדולד מיט דעם אומרעכט, וואָס ווערט געטאָן צו די אָרעמע און דערנידעריקטע.

איין זאַך ווייס איך:

פאַר יעדן טראָפּן בלוט, וואָס איך האָב פאַרגאָסן מיט מיין פּען, האָב איך באַצאָלט מיט צוויי טראָפּנס פון מיין אייגענעם האַרץ־בלוט.

דאָס איז אָבער ניט קיין תירוץ פאַר די אַלע, וועלכע איך האָב אַזוי בליגד און פאַנאַטיש אַטאַקירט, און מיין האַרץ וויינט איצט דאַרויף.

און וואָס געוויסע מענטשן זאָגן: „משה נאַדיר איז אַן עגאָאיסט, ער איז פאַרליבט אין זיך אַליין" — ענטפער איך: „כ'בעט אייך זייער, וואָס האָט דען דער משה נאַדיר אַזוינס געטאָן פאַר מיר פּערזענלעך, אַז איך זאָל אים ליב האָבן? האָט ער דען ניט ביי יעדער געלעגנהייט מיין גליק פאַרדאָרבן? מיין לעבן געשטערט?"

עס איז אפשר אַ נאַטור־געזעץ, אַז איינער, וואָס שטעלט זיך קעגן טויזנט, זאָל פון אַלע טויזנט צוריקגעשלאָגן ווערן. כאָטש מצד דעם איינעם איז דאָס ניט קיין „חכמה" און מצד די טויזנט איז דאָס ניט קיין „העלדישקייט".

איך פאַרשטיי אָבער ניט, ווי איז עס מעגלעך, אַז בעת איינער ליגט אויף דר'ערד און קאָרטשעט זיך פון יסורים, וואָס ביי אים איז אַ גאָט געשטאָרבן, זאָל נאָך אַ נעכטיקער „חבר" האָבן דאָס האַרץ אים אַ פּען־טשוואָק אין ברוסט אַריינצושטעכן...

און וואָס מ'זאָגט „משה נאַדיר איז פּערזענלעך", איז עס טאַקע, נעבעך, אמת.

אַלע פּערזענלעכקייטן זיינען עס.

דער יאָדר פון אַבסטראַקטן אמת איז איינגעוויקלט אין אַ שאָלעכץ, וואָס הייסט מענטש. טוסטו אויס דעם אמת פון דער שאָלעכץ — ברענגסטו אוםביידע זאַכן: דעם אמת און דעם מענטש.

די אַנטוישונג און דערוואַכונג

ביסלעכווייז איז געקומען די אַנטוישונג.

שעקספּיר זאָגט ערגעץ: „קיין זאַך עיפּושט ניט אַזוי שטאַרק ווי אַ פאַרפוילטע ליליע".

די „בלום" פון מאָסקווע האָט באַקומען אַ גיפטיקן גערוך.

און דער דאָזיקער גערוך האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן וועזן פון די קאָמוניסטישע אַפּאַראַטן אין אַלע לענדער.

און אויב דער „קאָמוניזם" האָט געקאָנט אַזוי ציניש פאַרראַטן — אויף וועלכע סאָציאַלע „איבערברוכן" קאָן מען שוין איצט האָפן?

ביים העלישן פלאַקער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך דעם אַלט־נייעם אמת דערזען, אַז דער מענטש איז איבער אַלעס.. און אַז די רעטונג פאַר דער מענטשהייט ליגט אין פרידלעכן, גוואַלטלאָזן איבערגאַנג פון איין געזעלשאַפטלעכער פאָרם אין דער צווייטער, אין דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם — אויף דעם אופן אָדער אויף אַן אַנדערן: ניט אַרויסרייסנדיק קיין סאָציאַלע פונדאַמענטן מיט די וואָרצלען, נאָר לאַנגזאַם איבערבויען — שטיין צו שטיין, ברעט צו ברעט.

ניט איבערמאַכן צום ערשט די געזעלשאַפט, כדי דורך דער נייער געזעלשאַפט איבערצומאַכן דעם מענטש, נאָר פאַרקערט: צום ערשטן איבערבויען דעם מענטש דורך דערציאונג, דערנאָך, — מיט זיין באַוואוסטזיניקער מיטהילף, — ביסלעכוויז די געזעלשאַפט איבערבויען. אָן בלוטיקע גוואַלט־ריסן, אָן דעספּאָטישער דיקטאַטור פון רעכטס אָדער לינקס.

ניט דורך אוממענטשלעכע מיטלען צו עפּעס אַן אומקלאָרן ציל, וואָס ליגט באַהאַלטן אין די סודותפולע פאַלבן פון דער צוקונפט, נאָר דורך אמתער דעמאָקראַטיע און הומאַנעם ליבעראַליזם צו אַ העכערער מענטשלעכקייט און ציוויליזאַציע.

עס איז אַ נאַרישקייט זיך צערעמאָניעל אָנצושליסן אין דער פריי־וויליקער לעש־בריגאַדע, אַקוראַט דעמאָלט, ווען דיין אייגן הויז שטייט ביז צום דאַך אין פייער.

דאָס איז מיר איצט קלאָר ווי דער טאָג.

אַפּריל, 1940

משה נאַדיר

מודה אני

עס האָט מײַן יוגנט װינציקלעך געזאַנג געהערט,
עס האָט מײַן מאַמע ניט פֿאַרזונגען מיך אין װיגל:
אַ טריבער פֿױגל איז געװען מײַן יוגנט,
הילפֿלאָז איז געװען זײַן שנוב, זײַן פֿליגל.

אין בחורשאַפֿט האָב איך אַלײן געפּרואװט זיך —
אויף סטרונעס שפּילן, אויף צימבלען קלאַפּן;
מיט פֿינגער אומגעלערנט, אומגעלומפּערט
פֿלעג איך מײַנע לידער טאַפּן.

נאָר געציטערט האָט מײַן זעל, געציטערט
מיט יעדן צופּ פֿון צימבל, מיט יעדן פֿלאַמך פֿון פֿידל.
אין װאָלקנבערג פֿון פּײַן, דורך שטורעמס און געװיטער
האָב איך געבוירן מײַנע ערשטע לידער.

דערנאָך האָב איך, װי אַ װירטואָזע,
באַמײַסטערט סטרונעס פֿיל און אינסטרומענטן.
באַקאַנט געװען בין איך דער עיקר פֿאַר מײַן העזה —
און אַז איך רײַס פֿון װאָרט די אײַזנפּענטעס.

און איצט בין איך שױן אַלט, שױן גרױלעך.
מײַן באַרג — אַ באַרג פֿון שערבן, פֿון צעבראָכנג. —
די נאָענטסטע בײמער פֿאַלן־אום אַרום מיר —
איך קען שױן מער ניט נאָכהאַלטן קײן רעכענונג.

עס בליצט און קנאַלט — נאָר ס'איז דאָס שװערע קנאַלן
פֿיל אָפּטער, װי דאָס גרינגע בליצן.
זיץ איך און איך װאַרט, איך זאָל אַלײן שױן פֿאַלן —
אָ, גאָט, װי לאַנג װעל איך דאָ זיצן?

מיאַמי ביטש, מאַי, 1938

ממעמקים

וועך זינגט אין פינצטערניש — פון ליכט,
זיצנדיק אין פייכטן תהום?
עס איז דער דיכטער, עס איז איך —
דער לעצטער איינוואוינער פון סדום.

ממעמקים

ווער זינגט אין פינצטערניש — פון ליכט,
זיצנדיק אין פייכטן תהום?
עס איז דער דיכטער, עס איז איך —
דער לעצטער איינוואוינער פון סדום.

פון דער גליווערדיקער טיף,
עכאָלאָז, אויסגאָנגלאָז —
איך זינג דער שיינקייטס בלויעם מיף,
ווי דורכגעגילט ווענעציש גלאָז.

אַז באָמבעס קראַכן אין דער נאַכט
און אימה עסט דעם פחד אויף,
ביי די וואַכפייערן עס וואַכט
דער גייסט אַליין — אָן דעם גוף.

ווען יאוש, ווי אַ צווייג פון בליי,
נעמט אַרום די זעל — אַ רייף,
איך זינג פון ליבע אויפדאָסניי
אין אַלע בלוטגעפלעקטע הייף.

ווען מענטשנמאַרכן בליצן אויס
דעם לעצטן פונק פון שכלס פאַרב,
איך ברען דעם מוסטער פון אַ רויז
אַריין אין איובדיקן שאַרב...

דאָס פייער ביז צום האַלדז? די ליפּ
איז פריי פאַר לעצטן תהילים־שיר,
זי לאַכט מיט זינגענדיקן כליפּ
פון טויט אַליין, וואָס לאַכט אין מיר...

יאַנואַר 23, 1942

אויף יענער זייט הײנט

געווען און געווען און געווען און פֿאַרגאַנגען,
געווען און געווען און געווען און נישטאָ...
זומערס וואָס זינגען אויף טעלעגראַפֿשטאַנגען,
ווינטערס — ווי דימענטן לימענע־בלאָ.

געווען און געווען זיינען טעג, ווי די קרוינען,
נעכט, ווי פֿאַרשוימטע בעכערס מיט וויין,
אינדזלען באַפּעלקערט מיט וואונדערפֿאַרשוינען,
פֿרויען פֿון רויזן און מירמלשטיין.

געווען אַזאַ ווייטקייט, געווען אַזאַ רחבות
און שטילקייטן טויזנט און אפֿשר נאָך מער,
שטרעקעס, פֿאַרטרונקען אין האָפֿן און נאָך וואָס,
שטראָמען, וואָס פֿירן די בענקשאַפֿט אַהער...

אָ, זייד פֿון די טעג, אָ, שפּאַנגלען פֿון אָוונט,
דאָס האַרץ פֿול מיט טויבן מיט ווייסע פֿון פֿרייד...
ס׳איז אַלץ אַזוי ווייט און אַלץ אַזוי נאָענט,
ווי וואַרעמע, ערשט־אַ־פֿאַרקלונגענע רייד.

די וואַזע פֿון האַרץ, צעבראָכן אין שטיינער,
צעגאָסן דעם נעכטן, וואָס קערט זיך ניט אום;
נאָר דאָרט אין דער טיף — איין־אַליין, איין־אַליינער
עס ציטערט מיט ווײמוט די נאָכגלאַנץ־בלום...

און קראָכן די ווענט פֿון אַלע פֿיר וועלטן
און טראָגט זיך אַ טעמנער טויט־טאַראַראַם, —
איך צילע און צילע די פּערל פֿאַרגעלטע,
און גילד מיך מיט גאָלד פֿון פֿליסנדן פֿלאַם...

לעבן

איך גלעט ס׳ווילדע לעבן איבערן האַלדז.
פאַרציטערט קוק איך אין דער בעסטיעס אויגן.
מיר זיינען צוויי אַליין אין וואַלד —
און איך מיט קינדערישן פייל און בויגן...

איך זע דעם נאָגל און דעם צאָן געגרייט.
כ׳זע דעם שפּרונג אויף שטייפן חיה־רוקן.
איך שפּיגל אָן מיין ווייסע לאַמ׳ישקייט
אין גרינע פייערס פון פאַרצוקונג...

ערד

פון דיר זיך אויפגעהויבן,
פון דיין אָטעם אַ שטיק אָפּגעריסן,
ערד,
בין איך געוואָרן...
דער פרידלעכער טרוים פון דיינע הימאלאיען,
דער פעכל פון דיין פּאַווע
און אויך דאָס אונטערערדיש רוישן
פונעם צאָרן,
וואָס מאַכט דיין ברוסט
צו ציטערן מיט לאַווע.

עס פליצט אין מיר, עס בריליאַנטירט
דער פלאַמשטראָם פון
דיין בלענדיקן געהיר.

אַ גרויסער שיין
איז איבער מיר,
אין מיר.

איך בין דאָס לײַכטנדיקע,
פֿינטלדיקע
שטויבעלע פֿון דיר...

ווי דו בין איך (פֿון נאָענט)
בלויז — האַרטע וואָר, בלויז שאָל.
נאָר טיף אין מיר
איז ים,
אין אײביקײטס
פֿאַרגעסן קול.
אין סודות־אָדערן: גאָלד
און ראַדיום און קויל...
ווי בײַ דיר, דעקט צו דעם פֿלאַם,
בײַ מיר — דאָס קאַלטע מויל.

אָפּגרונטן

1

כ׳קוק אַרײַן אין אײַערע פּנימער, לאַכנדע אָפּגרונטן,
פֿון אײַערע הערצער רײַס איך אָפּ די שלעסער,
צו גײן מיט איך דעם טאַנץ דעם אומגעזונטן
פֿון בלינדע שלײַערס און פֿון בלויע מעסערס.

איך בין פֿאַר בלום פֿון אמת עלעגאַנטע וואָזע
געלבער צווייט פֿון אומגלויב אין מיר וואוכערט פֿינצטער,
מײַן האַרץ אַ קעמל איז אין מדבר, אָן אַאָזן
און אָן אילוזיעס די מינדסטע.

איך זע די ווייסע אומרו פֿון דער כוואַליע,
דאָס קורצע גליק אויף סדום־בעטל צעצויגן,
איך זע די וועלט, ווי אַ צאָן אַ קאַליע,
און אויסגערונענע טעג, ווי אויסגערונענע אויגן.

2

די הענט און פיס אין שטרויכל
אין פלאָנט פון פלינט און פלאַקס.
עס זעצט אַ בליציק רויכל,
ווען ראָד אַנטלויפט פון אַקס.

ס'איז פייער אונדזער ראָד־רינג,
ס'איז ווינט די לייטער־פור,
און פון דער ווייטער האָפענונג
נאָך קוים, נאָך קוים אַ שפור.

עס טרייבט די רעדער־פלאַמען
די בייטש פון רויב און ראַנג.
בלויז מענטשנוואַנט קען צאַמען
דעם גאַנג צום אונטערגאַנג.

לאָמיר אַלע אינאיינעם...

לאָמיר אַלע אינאיינעם אַנטקעגן גיין
מיט פאָן און טרומייטער — זיך אַליין.

אַלע פאַר יעדן און יעדער פאַר אַל;
אַרויס פון די רייען, אַרויס פונעם כלל.

באַפרייט זיך איר, שאָף, פון פאַסטוך־האָרד
און לעקט פון דער ערד דאָס גרינע וואָרט.

אָ, לאָמיר אַרויס פון דעם קייטנרינג
און זיין פאַר זיך זעלבסט קליין און גרינג.

צו וואָס דאָס אַ סכטום? ס'איז יעדער אַ סך —
אַן עדה פון איכן, אומבאַקאַנט, אומבאַוואַכט.

די פעלזן? פון גאווה און גדלות אַ וואַנט,
דעמיטיג־טרויעריק — דאָס שטויבעלע זאַמד.

ווידערשפּעניקן לאָמיר אין דער תורה פון מאַרקס,
אין זיינע פאַרדאַרטע וויסנשאַפטוואַרג.

לאָז יעדער בלימל זיין זעלבסט־געצירט,
וועט פינקלען דער גאָרטן אין בונטן קאָליר.

לאָמיר גיין אין די וועגן פון לוי־יצחק און בעש״ט
און דינען צו זיך ביז די זון זיך פאַרלעשט.

און גלעטן און שלייפן דאָס ריזיק שטיק גאָלד
וואָס איז איך — לויט די רייד פון וויטמאַן וואָלט.

און קושן די אייגענע ליפּן מיט גלוסט —
און קושן דעם שפּיגל, וואָס האָט דיך געקושט.

דינען מיט זעלבסט דעם זעלבסטפולן גאָט
און נאָכגיין די שפּורן פון אייגענעם טראָט.

אַ האַרץ קען ניט בלאָנדזשען! וואו עס גייט — דאָרט איז רעכט.
די האַנט קען ניט קריוודען איר מוטער וואָס שעכט.

טאָ לאָמיר זשע אַלע אינאיינעם, אין איין
זיך יעדער באַזונדער אַנטקעגנגיין —

מיט ווייסל צעשפּרייטע, ווי פאָנען אין ווינט,
מאַכן אַ וואַרע דער רגע, וואָס רינט —

וואָס רייסט, ווי אַ שנעלשטראָם, דורך מיר און דורך דיר,
און ריזלט אין ליכטיקע ציטער־שניר.

און טראָגט אונדז אַנטקעגן אויף טאַצן — גאָלדרויט
דאָס זיסע געוויין און דאָס ביטערע ברויט.

צו מיין נאָמען

איך לאָז דיך איבער, נאָמען, איך גיי אַוועק.
זיי געזונט, דו צייכן פון מיין ווירקן.
זיי געזונט, נאָכשלעפנדיקער עק,
איך האָק דיך אָפּ מיט זיבן טויזנט העק,
וועסט ווייזן דיינע שטיק אין צוקונפטס צירקן.

זיי געזונט, מיין נאָמען, פאַרדין דיין לעבן
אַליין אָן מיר. מיט מיר ביסטו ניט גליקלעך.
די וועלט איז ברייט — און ברויט וועט מען דיר געבן
אין אויסטויש פאַר מיין אומדערענדיקט שטרעבן,
נאָר קום ניט אויף מיין קבר: כ׳זאָג דיר אָן אויסדריקלעך!

געננוג האָסטו, מיין נאָמען, ס׳לעבן מיר פאַרגיפט,
מיט טומלדיקע יידישלעכע זשעסטן.
האָסט בלוט געפאָדערט פון מיין בלייכסטער שריפט
און ווי אַן אַנקער געהאַמליעוועט מיין שיף,
ווען אויסגעשפרייט די פליגל זי האָט צום סאַמע בעסטן.

ווי פיינט כ׳האָב דיך. דו האָסט עקספּלואַטירט
מיין גוף, מיין גייסט, מיין גוסט נאָך רו און פרידן.
עס ציען זיך די געסט דאָך בלויז צו דיר,
אַז איינזאַם שלאָפט די קליאַמקע אין מיין טיר,
טראָגן דיך אויף הענט, אויף קעפּ — אַ מנין יידן.

איז נאָכאַמאָל: אַדיע! צום קיינמאָל ווידערהערן,
דו, נאָמען, וואָס וועסט לעבן פון מיר לענגער
האָסט קיינמאָל מיר ניט אָפּגעווישט די טרערן,
ווי ס׳ווישט דער זעלנער ראָסט פון שטאָל־געווערן,
און האָסט געלעבט אין מיר — אין זעקס־און־צוואַנציק בענדער.

היינריך היינע

ווי האָפּגעדופּט פון מיין שטאָט נאַראַיעוו,
עס גייט מיר נאָך דער צאַרטער נאָמען דיינער,
איעדן טאָג עפן איך אויפסניי אויף
דאָס בוך פון גאָלד און גאַל — היינע.

כ׳זע דיך אין דיין פּיין אינגאַנצן איינגעטונקען
און אין דיין טרוים אינגאַנצן דורכגעלויכטן,
דיינע שלייפן שפּריצן ביטערע פונקען,
דיינע אויגן בלוטן דורך די רויכן.

איך רעד מיט דיר, ווי צום נאָענטסטן שכן,
איך וויין צו דיר, ווי דו וויינסט אין ליבע.
עס ליגט די וועלט אין העלפטן צוויי צעבראָכן —
איןביידע העלפטן בליפען דיינע לידער.

געפּלאָגט, ווי דו, פאַר דער פרייהייט טאָקע,
פאַרסמאַליעט אין דער שלאַכט די אויגן־ברעמען,
איך שרייב, אַזוי ווי אין אַ פעלד אַן אַקער,
אַ שורה־גריסל, איך פרעג ניט וועמען...

ווי דו, ווייס איך ניט וואו וועט זיין מיין קבר:
אין טיפן ים, אין מדבר, צי אין ברוקלין?
איך ענדיק אויס דאָס ליד אויף מיין אייגענעם שטייגער,
זיך שפּילנדיק מיט פייערדיקע קוקלען.

איך קען, ווי דו, דעם וועג צום רעגנבויגן —
דעם מדבר־וועג, וואו הייסע שטערן פלאַצן.
איך קען, ווי דו, די שעהן, וועלכע זויגן
דיין מוח אויס, אין קבר מיט מאַטראַצן.

איך האָב, ווי דו, מיין האַרץ אַוועקגעגעבן
צו תליון־טעכטער, צו פעטלעכע מאַטילדעס.

ווי דו, האָב איך, די ברייטע גאַס פון לעבן
אויסגעווייכט — פאַר סטעזשקעס שמאָלע, ווילדע.

פון מירמל איז דיין ליד! פון גאָלד און בלוט און פייער,
פון שניי דיין ליד, פון מילך און פון טרויבן!
אָ, היינע, דו מיין ליבסטער, היינריך, דו מיין טייערער,
עס וואָרקען אין מיין זעל דיינע לידער־טויבן.

די צייט איז צען יאָר יינגער: איך און זי מיר שטייען
אויף פּיער־לאַשעז, ביים קברל ביי דיינעם.
אָ, דורות שטאַרבן — קומען און פאַרגייען,
נאָר יעדער גיט אַ קוש די לידער היינעס.

דעצעמבער, 1937

פאַרלוירן די שליסלען...

כ׳האָב ניט קיין שליסל, כ׳האָב ניט קיין טיר —
עס עפנט זיך גראַניט — גראַניט פאַר מיר.

כ׳האָב שליסלען פאַרלוירן, כ׳האָב טירן געהאַט —
נאָר איצט בין איך מיד, נאָר איצט בין איך מאַט.

אַ ליידיקע לערקייט, אַ שוואַרצלעכער גרוי
און וואו איז דער גלויבן, דער הייליקער טרוים?

ס׳זיינען געטער געווען און צוויטן, ווי שניי, —
איז אַ גרוילעכער שוואַרץ געוואָרן פון זיי...

ווי וואַסער ווי קויטיקס פון סטראַמפּאַל אין זון,
אַזוי איז מיין האָפענונג אין שטילן צערון...

די פלוסן די שנעלע — פאַרשטילטער אַקאָרד.
עס קאַפּעט מיין לעבן, עס דריבלט מיין וואָרט...

די פלאַמענדע פּאַקליעס — צוויי גאָלדענע ריי׳ן —
איך וועל — אין דער פינצטער — דורך זיי מער ניט גיין.

מיט איינזאַמקייט — איינזאַם, אויך מיט אייך ניט באַהעפט,
אַ לאָמפּ אין די שויבן, פון חושך געפּלעפּט.

בלאָנדזשעניש

מיין רעכטער פוס איז אויפגעהויבן,
דער לינקער פוס איז גרייט צו גיין:
אין וועלכער זייט? אין וועלכע וועגן?
עס פרעגן ליפּן ביי די ציין.

רעכטס — אַ וואַלד אַזאַ געדיכטער,
לינקס — אַ תהום אַזוי מין טיף:
פון פוילן האָלץ די בלאָנדזשעליכטער
ווינקען גליקלעך, רופן מיך.

פון הימל די מיליאָנען פליגן
פאַלן־אָן אויף מיין געביין
און טרייבן מיך. עס קומט אַ ניגון
פון דער אייביקייט אַליין.

די וויטקייט רופט פון אַלע זייטן —
אַ ווילדע פרעמדקייט, ביטער גרויס.
עס פרעגט מיין פוס ניט אָן ביי קיינעם:
קלייבט זיך איינעם פון זיי אויס.

בליען גאָלדנדיק די זומפּן,
פלאַקערן די רעגנבויג —
און פון בלוטן זידנדיקע
שפּריצט געלעכטערטום, ווי לויג.

איז די וועלט מיט זיך פֿאַרשיכורט,
ווי אַ פֿליג וואָס שווימט אין ביר.
און דאָס ביסל חסד ציקעט
טראָפּנווייז אין האַרץ צו מיר.

נאָר דאָס אויג, פֿון שרעק צעפּינטלט,
טאַפּט מיט וויעס יעדן טראָט.
אויך אַ יאָמערדיקער הינטל
קריכט אויף אַלע פֿיר צו גאָט.

נעמט מיך צו

1

נעמט מיך צו, איך בין אַ גרוס, וואָס קומט
פֿון דאָרטן, וואו מאָרד איז אַ בלום.

וואו טויט רייט אַרום בייטאָג, ביינאַכט —
און געווינט ביי זיך אַליין די שלאַכט.

נעמט מיך צו, איך וואַלגער זיך שוין לאַנג
אויף די שוועלן פֿון טויט־ און לעבן־לאַנד.

עס נעמט מיך קיינער ניט אָפּ, עס פֿרעגט ניט אויף מיר:
ניט דאַך, ניט שויב, ניט די קלענסטע טיר.

אַ פֿאַרלוירענער בריוו — מיטן האַרץ פֿאַר אַ זיגל —
און דאָס אָפֿענע פֿעלד — פֿאַר מיין פֿיין אַ וויגל.

וויג זשע, וויג זשע פֿעלד, וויג זשע, וויג זשע ווינט,
אין ברייטע הפקר־הענט שלאָף איך איין אַצינד.

2

מיינע כוחות רייסן דורך וואַשקעס און ציימל,
פליען אַוועק הירזשענדיק אומהיימלעך.
די גריווע פלאַטערט אין גרויען ווינט,
זיי געזונט, ערד, מיין מוטער און מיין קינד!

זיי געזונט, דו — הימל, אומגילקלעכער בעכער,
פאַרן טרוים, וואָס ציט זיך הויך און העכער.
זיי געזונט, דו, זיכערקייט און זעט,
עס פליט פון אייך דאָס האַרץ פון פאָעט.

און אַז פונקען שפריצן פון דער נאַכט, ווי קויל,
אַז פינע זעצט פון בלוטנדיקן מויל,
איז גוט פונדעסן אָט דאָס פליען. ווינט פאַר פליגל
דורך שטיין און ביין און ברויט און ציגל.

רודערלאָז אין שויס פון צעיושעטן ים
אין ווייסער וואָל פון נאַכט — די לאַם.
די זעל געטוליעט, זי געהאַלטן ריין —
ביז די פיין וועט פון אונדזער אויג פאַרגיין.

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, נאָוו., 1938

מיר שוויגן

אַ וויטיקדיקער שטיין איז מיין האַרץ,
די וועלט — זי ברעכט פון פיין.
אָט דאָס איז עס, דאָס איז אַלץ?
און מער וועט גאָרניט ניט זיין?

מיט טרומייטן, מיט קעסלדיקע פויקן
האָב איך דיך, לעבן, באַגריסט.

אָ, ווער האָט געקענט וויסן:
ווי האַרט און גרויזאַם דו ביסט?

דיין פרייד, דיין גליק און דיין חלום —
ווי קורץ ער איז און ווי שמאָל!
איך לעגן מיך אָן אויף אים — איז ער ברעכלעך,
איך לייג עס צום האַרץ, איז עס שטאָל...

און פּאָנען, ווי נאָזטיכער אַלטע,
פאַרפלעקט מיטן בלוט פון מיין האַלדז.
און קיינער דערקענט שוין די פאַרב ניט —
דאָס רויט איז אַ קויטיגס, אַ קאַלטס.

אָ, גאָט פון אברהם און יצחק,
אָ, פאָטער פון ייד אויפן קרייץ,
עס האָבן יסורימס געוויסערס
ביז איבערן מויל מיך פאַרפלייצט.

דעם אָדלערס צוויי פליגל צעשפּרייטע —
זיי האָבן דערגרונטעט דעם גרונט
דערשלאָגענע אויגן — ווי נעסטן
פון צער און פאַרלאָשענעם מוט.

בלויז גליקלעכע, גליקלעכע וויינען,
אָ, זיס איז די טרער־נאַסע ציך!
אַזוינע ווי איך — מיר שווייגן
און וויינען אַריין בלויז אין זיך.

קיכאָט

דער פּאַנצער — אַלט, דער טוניק — יוסט,
ס׳איז שווער דער שטאָל, וואָס שיצט די ברוסט.

דאָן קיכאָט קראַצט פון זיך איעדן טאָג אַראָפּ
געוויכט פון לייב, ווי אָנגעבערענטס פון טאָפּ.

דאָס שווערדל באָמבלט — לענגלעך־שווער.
ס׳וויינט די לענד מיט אייזערנער טרער.

עס ברעכט דער מוט, עס גוסט דער קוראַזש —
כאָטש אין הוט לוסטיקט דער פּליומאַזש.

אָ, ווייט איז דער וועג, דולצענעאַ!

דער טאָג פאַרלאָזט, די נאַכט נעגירט,
צום ים — די טייכן־טשערעדעס מען פירט.

די ווינטמיל מאָלט דעם ווינט אַלץ פיינער, פיינער —
עס פינטלט אין דער הייך דער חלום דיינער.

דאָס אייזליש גרוי, די גרויקייט פון דער נויט,
און עס שפּאַנט פאָרויס — דער טויט.

באַשולדיקט ביסטו ניט, דאָך מוזטו צאָלן שטראָף —
מיט אייביק־אייביק־אייביקלעכן שלאָף.

אָ, ווייט איז דער וועג, דולצענעאַ!

עס קומען אײלבירט־גערטנער מיט קריגלעך אויל —
און צו דער גוטער ערד פאַלט־צו דיין מויל.

דער ווינטרויב קומט אַנטקעגן מיט זיין קריגל,
עס הוידעט זיך די זון אין איר שטרויען וויגל.

פון שטערן פלעכט דיר אויס אַ זאָטל, דאָן קיכאָט!
און רייט אַוועק צום הימל און צו גאָט.

שפּיל דאָרט אויף דיין איינשטודירטן פּאַרס —
עס האָט דער „פּאָטער־קעניג״ די וועלט אין אַרס!

אַנט־קייטן זיך קען ניט צומאָל דיין הונט,
קיכאָט, קיכאָט — דיין שפּיל איז שונד.

די לבנה שטעלט דיר אויס אַ נאָז,
דיין אייזל לעקט גאָטס שפּייעכץ פונעם גראָז.

היהאָ, דו אייזעלע, דו איינציקער זעלאָט —
עס רייט אויף דיר דער שאָטן דאָן קיכאָטס.

און ווייט איז דער וועג, דולצענעאַ!

שמשון

כ׳בין לאָקנלאָזער שמשון,
דלילה — דאָס זענט איר:
מיט רייד, ווי רויטע מינצן,
ווי האָט איר מיך פאַרפירט!

פאַרראַטן, איבערענטפערט
אין דער האַנט פון פיינט,
די אָרעמס מיר פאַרקרעמפּעט
מיט שטריק פון זונענשיין.

פון אויגן, אויסגעשטאָכן,
עס יאָגן הייסע קרעל,
איר האָט מיין גוף געבראָכן,
אָבער ניט מיין זעל.

איך שרייב מיט מיינע אויגן
אַ שפּריציק־רויטן גרוס:

איר וועט מיין קאַרק ניט בויגן
און אויכעט ניט מיין פוס.

איר לאַכט, איר האָט הנאה,
אַז בלינד איך זוך די פאָן,
מיט קראַקן, ווי די קראָעס,
פאַלט איר אויף מיר אָן.

היט זיך! איך בין שמשון:
אויכעט בלינדערהייט
איר קענט מיין מוח לימשען
מיט אייזערענער קייט.

איר קענט מיט בלוט מיך פאַרבן,
מאַטערן מיין ביין,
דאָך שטאַרבן וועל איך, שטאַרבן
ניט איינענקער אַליין:

איך קלעם די טעמפּל־זיילן
צווישן מיינע פויסט —
מיט אייך, מיט איך אינאיינעם
איך לעש מיין לעבן אויס!...

נאָוועמבער, 1937

גלייך אויף גלייך

איך האָב ניט פיל מענטשן ליב, האָבן מיך ניט פיל מענטשן ליב,
איז קוויט.
דאָס, וואָס איך גיב — נעמט איר ניט, דאָס וואָס איר גיט — וויל
איך ניט.
לעבן מיר אַזוי, אומפריינטלעך, אומדערטרעגלעכע צוויי שכנים,
אַז איר קומט מיך בעטן אַ ביסל געלעכטער, וויל איך מיך צעוויינען.

טרייסטלאָז זיינען אייערע נעז, קינדעריש אייער פאַרשטאַנד,
איר שטייט און קראַצט זיך אין בויך מיטן טייטל אין דער האַנט
און קאַרטשעט זיך אַזוי און שמייכלט. איר שטאָלצירט דערמיט,
וואָס איר גייט שטענדיק אין אייערע פאַרגייערס טריט.

אַז איר זיצט שוין פערציק יאָר אין זעלבן דירהלע, ברוך השם,
אַז איר האָט זיך נאָך קיינמאָל אַנדערש די האָר ניט געקעמט.
און איך, אַ בראָך צו מיר, בין דאָך גאַרניט געגליכן
צו מיינע שכנים, וואָס לעקן און שמעקן און קריכן.

און רייד, אָנגעדיקטע אויפן דנאָ פון אַלטן ווערטער־טאָפּ,
לאָז איך קיינמאָל ניט אַריין אין טעמפּל פון מיין קאָפּ.
איך שעם מיך ניט מיט שטאָלץ מער ווי מיט באַשיידנקייט,
מיט חניפהס קרוין גיי איך ניט אויף אייניקייט.

דעם טיטל נאָבלמאַן פאַר מיר און דעם טויטן משה לייבן
וועל איך מיט שטראַלן־לידער אין דער פינצטער פאַרשרייבן.
און קנעכט און קייסאָרים און פאַרניכטונג און צעקרישלטע
יאָרהונדערט —
פאַר די אַלע זאַכן שטיי איך אין אַ נישע אָפּגעזונדערט.

פון דער זייט

איך שטיי אָן אַ זייט ביי שקיעה פון מענטש,
איך שטיי אָן אַ זייט.
מיט שטאָלענער העלמע, מיט מעסער אין האַנט,
עס שטופּט זיך די צייט.

מיט רויב אויף די אַקסלען, מיט אָדלערס אין פּענט,
פאַרקאָוועט די קלאָ און דער פּיסק,
עס גייט יעדער שרעגגע, עס טרעט יעדער פוס
אין צייכן פון ביקס.

איך שטיי אָן אַ זייט, אויפן אַקסל אַ וואונד
פון יאָרן פון טראָגן געווער,
אַ קויטיק עמבלעם פון יאַטער און בלוט
און גאָרנישט ניט מער.

גייט דורך! עי, גייט דורך, איר — מחנות פון גרויל
ביי־רוימישער קריגס־לעגיאָן!
נאָר אַז איך וועל שטאַרבן, איר — ליבע פריינט,
ניט וויקלט מיך איין אין קיין פאָן.

תכריכים פון זאַמד, אַ מויל פול מיט ערד
און שערבעלעך צוויי אויף מיין אויג.
מיין קאָפּ, ווי אַ בעכער פון ציניש פוסט,
וועט לאַכן לחיים צום טויט.

איך שטיי ביי דער זייט. דאָס ציימל פון מויל
האָב איך פאַלן געלאָזט אינעם שווים,
ווען ס׳האָט מיר נבואה געעפנט דאָס אויג
און ביטער די ליפּ אויסגעקרימט.

דער שפּיץ פון דער ביקס איז איצטער דער ציל.
און דאָרט, וואו די קויל קומט אָן,
דאָרט, זאָגט מען, איז שונא, פאַררעטער און שפּיק —
גאָר קיין בעסערער סימן נישטאָ.

איך שטיי אָן אַ זייט, כ׳לאָז רואיק די האָרד
פון רוימישע מחנות פאַרביי.
און ווער איז דער פיינט? און ווער איז דער פריינט?
ס׳איז גאָרנישט צו טראַכטן כדאי.

פון רואיק צעעפנטער, שוועבנדער שער
פאַלט שאָטן אויף איטלעכן טריט.
און איך און מיין טרוים און די פרייהייט אַליין
מיר שטייען דאָ סאַמע אינמיט.

עס רוקט זיך די שער, איך רוק מיך אַוועק.
מע שטופּט מיך פון איטלעכן צד
פון די ראַנדן אַוועק, אינדערמיטן אַריין
אין גאַמען פון שרעק פאַר פאַרראַט.

איך שטיי אָן אַ זייט. דער שטויבוואָלקן ברענט
אין בלוט און אין גאָלדענעם שיין.
עס שטופּן מיך שדים מיט גאָפּלען־בייטש
צווישן די קלינגען אַריין.

איך הער דעם געטומל פון יובלענדער שרעק,
דעם „דזשאָגערנאָטס" טראַך און געפּילד.
עס שלעפּט זיך די פּויסט, ס'שטופּט אונטער די פּען —
די אַלטע מטבע גילט.

און די, וואָס האָבן דאָס אייגענע האַרץ
געריסן אין זיך אַזוי אָפּט,
און האָבן באַפּאַרבן מיט דעם זייער פלאַג,
זיי בלאַנקען אַרומעט, ווי שאַף.

דאָס רויט פון פאַרקילטן בלוט ווערט שוואַרץ
און גרינשימל פאַלט אָן אויף דעם.
דאָס שוואַרץ פון מאַטערגעצייגן ווערט העל,
ווען ס'גליעט אין הייסן פאַרנעם.

איך שטיי אָן אַ זייט. מיינע עטלעכע שעה
אין קלימיקל איינגעפּאַקט.
אין האַרצן זיך רייסן פאַרגאַנגענע טעג,
ווי לעמפּערטן אין אַ זאַק.

איך האַלט צו דאָס זאַק־מויל. פאַרשנירט איז מיין האַלדז
מיט הונדערט פאַרזייפטע שטריק.
איך ווייס, אַז די שליאַכן, וואָס פירן אַהין,
זיי פירן שוין קיינמאָל צוריק.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., יולי, 1938

זעלבסטבאַשרייבונג

ווייל איך האָב דיך ליב געהאַט, וועלט,
ווי אַ געליבטע,
האָב איך געוואָלט זאָלסט מיך באַמערקן!
האָב איך מיך געקליידט אין הויכע גאָלדקראַגנס פון ווירדע,
האָב איך מיך געפלייסט צו זיין קליגער, ווי איך בין —
און בלענדענדער...
האָב איך מיך געפוצט אין גאָלדשוים פון ווערטער,
זיך געצויגן אויפן סדום־בעט פון גלאָריע,
האָב איך אַ האַרץ אָנגעצייכנט —
אויף דער דרויסנזייט פון מיין האַרץ
און עס געלאָזט בלוטן אין בלומיקע טופלען —
כאָטש מיין ריכטיק האַרץ האָט טאַקע געבלוטיקט.

ווייל איך האָב דיך אַזוי ליב געהאַט, וועלט,
ווייל איך האָב דיך אַזוי ליב־ליב־ליב געהאַט, וועלט,
ווייל איך האָב דיך אַזוי אָן אַ שיעור ליב־ליב־ליב־ליב געהאַט,
קרומע איקאָנע
אויף דער קרומער וואַנט,
וואָס איז וועלט! —

עס טראַכט דער מאַן: מיט זיין מאַכט

עס טראַכט: דער מאַן מיט זיין מאַכט,
די פרוי מיט איר טראַכט,
נאָר פאַר איטלעכן
פינקלט זומערפונק און פרונק און פראַכט.

עס טראַכט דער אָדלער מיט זיין פליגל,
דער וואָרים מיט זיין בויך
און איבער אַלע
רייכערט זיך אַוועק
דעם אומקומס־רויך.

עס טראַכט דער וואַלד מיט די ציין,
דאָס קינד מיט זיין געוויין —
און איבער אַלעס
טונקלען טונקעלע שפּיצן פונעם וואַלד.

ווידערשיינען

איעדנס לעבן פליִצט אַוועק,
ווי רוישנדיקע וויינען.
מיר לעבן אַלע ביי דעם ברעג
פון גרויסע ווידערשיינען.

עס ווערט צעבראָכנקייט פאַרגאַנצט,
דאָס גאַנצע ווערט צעבראָכן —
און זאַט מיט פיינעם פינקל־גלאַנץ
עס זיינען אַלע יאָכן.

עס איז אין בלישטשענדיקן שטאָל
דאָס לעבן איינגעהאַרנישט.
מיר ווערן בלויז דאָס ווידערקול,
דאָס קול אַליין פון האַר — נישט.

אין יעדער לייד פאַראַן איז פרייד,
אי קלאַנג, אי ווידערקלאַנגען.
מיר ווידערהאַלן אונדזער לייד
אין צאַללאָזע געזאַנגען.

ס׳איז בלויז דער ליין פון אונדזער שפּינץ,
דאָך גרוי דאָס העמד אַליין איז.
און מיטן שמייכל פון דעם קינד
געמישט דעם מאַנס געוויין איז.

איעדנס לעבן איז אַ שיין,
אַ ציטער און אַ גלימער.

דער סאַמע קערן פונעם זײַן
איז בלויז אַ ווידערשימער.

עס פאַלט דער אַלטער שײַן נאָך אַלץ,
ווי גאָלדזיילן אַרונטער.
עס פאַלט פון קנעכל ביז צום האַלדז
און האַלט דאָס לעבן אונטער.

און ווען דער לעצטער עכאָ שווינדט,
דער שאָטן פון דעם עכאָ
אין טויזנט שטילקייטן נאָך קלינגט:
ריינער, דינער, העכער.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., יולי, 1938

ווי זאָל איך איצט זינגען

ווי זאָל איך איצט זינגען,
אַז דער ווי און אומעט,
ווי אַ זאַק מיט חיות,
שרייען איצט אין מיר.
ווייל דער שוואַרצער שבת
און דער ברוינער מאָנטיק
רוקן זיך פּאַוואָליע
צו מיין לעצטער טיר.

כ׳פלעג אַמאָל צו טרוימען
לידער וואַרעם שטילע,
ווי די שטילע פלעמלעך,
אויף וואַקסאָווע לעכט.
איצטער קאָנען בלויז נאָך
מיינע לידער ברילן,
ווי מיט טיגערפעלן
יעדער סטראָף געפלעקט.

אָנגעפּילט ביז ברעכן
איז מיין לעבנס לאָגל,
אָנגעפּילט ביז ראַנדן
איז מיט גאַל דער כוס,
און מיט אייזנווערטער,
ווי מיט נאָלן שאַרפע,
לעכער איך דאָס הערצל
פון מיין יעדן אות.

ווערטערדיקע שווערדן,
שנאהדיק פאַרקאָוועט,
אייזערענער קלעמראָד
דריקט מיין גרויסן וויי.
ווי די הינט צערייצטע,
שרייען מיינע שורות
און דער עק פאַרקלעמט איז
צווישן ציין ביי זיי.

כ'פלעג אַמאָל צו פּערלען
דריבנע ווערטערהאָגלען
און די ליפּ זיך קילן
מיט דעם פיינעם גול.
איצטער איז עס קרייצהעק,
ברעכבאַרדעס און מעסערס —
ווי מיט סם אַ בעכער,
בין איך איצטער פול.

אויף אַ באַרג אַ הויכן,
אויף אַ באַרג מיט זשאַווער,
קלעטער איך און קלעטער —
קיין אָנהאַלט איז ניטאָ.
אין דער טויטער קופּע
מיט די געלע בלעטער
פלי איך נאָך דעם אָסיען,
פלי איך נאָך דער קראָ.

פעדערן פון פייגל,
קנאָכנשטיק פון חיות,
און אין זומפּ און וואָלקן
קראַקעט שוואַרץ דער ראָב.
פּלעט איך מיר דאָס האַרץ מיינס
מיט אַזוינע קייטן,
מיט אַזוינע טשוועקעס
ריר איך מיר דעם קאָפּ.

און צעבלוטיקט בין איך,
און אַ וואונד אימגאַנצן,
צאַפּלענדער געוואַלטשריי —
וויינט אין מיר מיין האַרץ.
לויף איך הויל און נאַקעט,
באַרוועסדיק און הפקר,
כ׳פּאַך מיט רויטן טיכל
דעם בוהאַי פון געפאַר.

בלינדע האָריזאָנטן,
שאַרפן פון אַ קאָסע,
בלינדער, גראָבער ליכטשטראַל,
אָפּגלאַנץ פון אַ האַק.
פרעמדע רעגנס קומען,
לאַנגע סטרונעס טרערן —
און זיי רינען, רינען
רינען אויף מיין באַק.

קאַהלע, קאַהלע שטיינער,
קאַהלע בערג און חושך,
חושך מיט אַ קנייטל —
דימענטליכט און רו.
וועלכער שטויס פון לאַווע
ברעכט אין מיינע טיפן,
וואָסער קול פון פייער
רופט מיך איצטער צו?

ס'האָט אַמאָל געקאַפּעט
אין מיר שטילע רויזן,
קאַרשנצוויט און נעלקן
האָניגפּלאָם און טרויב.
איז עס איצט פאַרגאָסן
מיט אַ גרויער ווילדונג,
און עס קריטשען, שרייען
וואַלדפייגל פון טויט.

ס'האָט אַ באַרג מיט שטיינער
זינלאָז זיך צעשאָטן
אויף דעם שמאָלן בעקן
פון מיין שטומער ברוסט.
פון פאַלנדיקע קלויסטערס,
פון חרובדיקע טעמפּלען
קייקלען זיך די גלעקער —
און זיי קלינגען פּוסט.

עפּעס ווילט זיך ברילן,
עפּעס ווילט זיך שרייען,
שרייען און פאַרקייכן,
שרייען און פאַרגיין.
ווי אַ טרער פון פייער,
פאַלט אַריין אין טייכן
און פאַרשווינדט ווי קיינמאָל,
קיינמאָל ניט געווען.

איינפלעטן מיט פויסטביין,
איינגלעטן מיט שווערדן
ווערטער, וואָס מיט פינגער
רירן מיין געהיר.
פונעם הימל אויכעט
רעגנט עס מיט שטערן —
טרעף איך מעטעאָרן
קופּעס ביי מיין טיר.

ווייס איך, אַז פאַרניכטונג
האָט מיך אויסגעמיטן,
אָבער די פאַרניכטונג
שטייט ביים טיר און וואַכט.
בין איך העל פאראנגסטיגט,
בין איך טיף דערשראָקן,
בין איך בלויז אַ צינגל
פון דער טויטער פּראַכט.

אָ, איר יאָרן מיינע,
אויסגעשטעלט אין שורות,
אויף דעם וועג דעם וויטן
צו דער בלויער וועלט.
כ׳גיי איך דורך, ווי פרעמדע,
כ׳גיי איך דורך און הער ניט,
ווי איר טייטלט ביי ניק
מיט דער פויסט — און שעלט.

ס׳האָט געפּלאַצט דער זייפבלאָז
פון מיין בורשטינליולקע,
פון מיין לאַנגער ליולקע,
פון מיין מערשוים טרוים.
קוק איך אינעם שפּיגל,
זע איך דאָרט אַ פרעמדן,
זע איך דאָרט אַ שאָטן —
איך דערקאָן אים קוים.

דאָך פון אַלע ליבער,
דאָך פון אַלע נעענטער
איז מיר אָט דער פּרעמדער,
אָט דער גרויער מאַן.
ווייל מיט אים פאַרבלייב איך
ביז אויף שטילסטן אייביק,
ביז דער ווינט וועט קילן
וואונד פון לעצטן שפּאַן.

סי־געיט, ווינטער, 1939

טרייסט און טרויער

אין מויל פֿון דער שלאַנג דער בליץ —
ער קען די ערד ניט פֿאַרדאַרבן,
ווייל דער וואָרצל, פֿון דער ערד געשיצט,
גלייך מיט דער ערד קען ניט שטאַרבן.

טרייסט און טרויער

די לופט איז סאַמעט, ווייַן און גאָלד,
די זון איז פון בורשטין.
אַ שטראַלנפינדזל דינטשיק מאָלט
אַ פאַרצעלייען גרין.

אָ, אונטערגייענדיקע יאָר
אויף ווייטע האָריזאָנט!
די גרוי־פאַרשנייטע בלאָנדע וואָר
אין חלומס שטרוי דערברענט.

דאָס שופר־שאַלן איז אַוועק,
אין סוכה פוילט דער סכך.
דער האַרבסט מיט זיינע כמאַרע־פעק
גוטמאָרגנט אויף דער וואָך.

שניי־פאַרדעכטיקט, בלוי־פאַרגרויט —
נאָוועמבער רייט אַריין —
אָפּגעוואויגן אויפן לאָיט
דער קאַרגער מאָרגנשיין.

נו, גרייט זיך, האַרץ, צו דעם געגוס
פון אונטערגאַנגען רויט.
עס שפּיגלט זיך אין קאַלטן פלוס
דער שטום־דערשטוינטער טויט.

איבער

איבער דעם טייך גייט די בריק.
איבער דעם בריק גייט דער מענטש.
איבער דעם מענטש גייען די וואָלקנס.
איבער די וואָלקנס גייט דער מענטש, דער לופטפליער.

איבער דעם מענטש גייט דער הימל.
איבער דעם הימל רעגירט די גאָטהייט.
איבער דער גאָטהייט רעגירט דער מענטש.
איבער דעם טייך גייט די בריק.
איבער דעם בריק גייט דער מענטש,
איבער דעם מענטש גייט זיין מזל.
און דאָס וואַסער איז אַזוי טיף!

אַ וואַזע

וואָרצלען פון לעבעדיקעביימער
שטעקן אין קבר פון דר'ערד,
נאָר ניט יעדער צווייג אין דער הייך
האָט פון די שטאַמען געהערט.

אַ טייל זיינען ווייט פונעם גרונט,
ווייט פונעם וואָרצל, וואָס שפּייזט.
און איינער מיט אַ פעדער אין הוט
האָט צו לבנה פאַררייזט.

נאָר זיגן זייגט איעדער קרוין
מיט אַלע ליפּן, מיט אַלע לעפּן
פון שטילינקען וואָרצל־המון:
די זאַפט, דאָס פייער, דעם קרעכץ.

נאָר וואָרצל אַליין ווייסט, אַז „סוף"
און „טויט" איז נאָר אַ וואָרט־פּאַסאַן,
און דער קבר אַליין איז בלויז
אַ טאָפּ פאַר אַ וואַזאַן...

און אויב באַדיק בליט שטאָט רויז,
איז עס אַ גרייז אין אייבערשטן שיכט.
די טיף זי שוואַנגערט גרויס
מיט קיום אין איר דיך.

אין מויל פון דער שלאַנג דער בליץ —
ער קען די ערד ניט פאַרדאַרבן,
ווייל דער וואָרצל, פון דער ערד געשיצט,
גלייך מיט דער ערד קען ניט שטאַרבן.

מיין האַרץ

מיין האַרץ האָט מעכטיק ליב,
און איך האָב ליב מיין האַרץ —
אַ שאָד עס קען ניט אויסהאַלטן
אַ לעבן אַזאַ האַרטס.

מיין האַרץ האָט מעכטיק פיינט,
איך האָס מיין האַרץ דערפאַר —
און אויף זיין וויסטן סוף
איך זיץ און האָר און האָר.

גורל

ציטערדיקע פעכלען היינט די גלאַנצן
אויף בלוילעך העמדל פון מיין ווואילזיינס הימל.
בודא זיצט אין שלײם פון רעמיניסענצן,
גרייט צום שפרונג, ווי דער בוכשטאַב גימל.

די וועלט פון גוף און ווילן איז אימגאַנצן נאַקעט.
די וועלט פון גייסט און זעל איז אימגאַנצן פרידן.
אויף שטויביקע פאַדווירעס הינער קאַדקעדאקען,
ביי ברונעמס קאַלטע שמועסן רעדלעך יידן.

ביים פלימפל טאַפּטשען שטום און מאַלעגיירריק
צווייי ברודנע קי און איינס אַ ביקל.
שעטל־בעטלדיק און שיפּל־שעריק,
וויקלט זיך פון שפּול דעם אָוונטס צוויקל.

עס לייגט די זון איר זיגל אויף די מיסטן,
עס זינגען לעבנספרייד די גרילן און די מענטשן.
אַריבערן טייך עס גענעצן שטאָק־אומזיסטיק
נעכטנס בלוטגעזאָפּטע, מאָרגנס ניט־געבענטשטע.

עס ציט פאַרביי אין פּורפּורנער פּאַראַדע:
טעג אין קלעווע, נעכט מיט שטערן דולע.
פון ווייט און ברייט זיך קייקלט אַ באַלאַדע
מיט גרינלעך־גלעזערנע רעדער־נולן.

עס מיטוואָכט היינט מיט עפּעס גאָר גוואַלטיקס,
עס טוט זיך אָן די שעה אין קריגס־מונדירן.
אויף שפּיץ פון צווייג אין טערפּקער וואַלד־ליק
עס הוידעט זיך מיין נעסט פון גורל אָנגערירטן.

אַ פראָסטיקער טאָג

עס מאַכט זיך אַמאָל: אַ פראָסטער טאָג
פּוצט זיך אויס אין יום־טוב,
אין זונריינקייט, אין קלאָרקייט,
(אין תאווה און אהבה)
און האָט ניט וואו צו גיין.

אַזוי בין איך אַליין —
מיט מיין יום־טובדיקן שטאָלץ
איינגערעמלט
אין וואָכעדיקער גאווה.

אָסיען אויפן פּאַרס

דער בוים גרייכט צום געשניצטן באַלקן
פון אייבערשטן שטאָק.
עס שטעקט אין בויך פון הימל
אַ קנאַקיקער טשוואָק.

עס נעצט אַזאַ שוידער נעפּל
מיט קרייטער באַשמעקט,
אַזוי ווי אַ פערד אַ געפייגערטס
מיט אַ רויזן־עק.

עס רייסן די ווילדפייגל לייוונט
פון אָנהייב נאָוועמבער
און עס שווייגט מיט אַ פינגער צום נאָז,
דער פאַרשטיינערטער דעמב.

עס קאַפּעט מיט פּילקאָליר־פאַרבן
דורך געפּלעשן ריס.
די ערד אינמיטן פון שטאַרבן
איז קאַנדלדיק־זיס.

און איך בין דאָ אויכעט איינער
פון בלעטער, וואָס פאַלן אין ווינט,
ווי פייגל און פערד און הינער
אין היגן הויזגעזינט.

איך בין דאָ אין נעפּל אויכעט
מיט שפּינוועב־תכריכים פאַרהילט,
עס שטאַרבט זיך אַזוי שטילבלאַך
עס שטאַרבט זיך אַזוי מילד.

דער טעלעגראַף שפּילט גיטאַרע
איך שפּיל אויף דער טרימלע *) פון קעלט.
ווייסט דער, וואָס ציילט די שטערן,
אַז איינער אַ שטערן פעלט?

---

*) טרימלע — אַ פּייפל.

זשאַווער

ניט בלויז די עפּל אויף צווייגן,
ס׳פאַרוויאַנעןן די ווינטן אויך,
עס וויאַנען די שטילגעשווייגן,
עס וויאַנעט אַפילו דער רויך.

דאָס וואָס ראַסט און רועט,
ווערט ראָסטיק און ווערט ברויך,
פון ענדלעכקייט די קלועס
צעטרעטן אַקער און קרויך.

פאַרגעגעלעך און פאַרגעסלעך
אויף ספינקס און פּיראַמיד
דורך פּאָמפּייעס געסלעך
עס ציט דער לעצטער פריד...

דערנאָך

די ערד וועט פלאַמען און גליען
אויף מיינע ביינער.
עס וועלן זיין אַזויפיל אינדהערפריען,
נאָר איך וועל זיין — קיינער.

ווי זיס עס איז אין לעבן אַלעס,
אויך ס׳ביטערע טראַכטן פון ניט ווערן.
אין ווילדן צוויט שטייט די ערד — די כלה
און שמעקנדיק עס זיינען אירע טרערן.

אויף כלהס קאָפּ די קרוין פון אייביק דויערן,
דער כלהס האַרץ אין פלאַמען, ווי אַ ווידער.
ווי דאָס אַש פון אויסגעברענטע טרויערן,
שפּרייט איך אויף די ווינטן מיינע לידער.

עס איז שווער דאָס לעבן אונדזערס שלעפּן
זאַלבעצווייען, זאַלבעאיינעם, זאַלבעגאָרניט.
און פֿאַלן פֿאַלט דאָך יעדער אויף די טרעפּן —
און דער ריינער אמת איז דאָך אויכעט וואָר ניט.

שווער איז בלויז, אַז אַלעס איז פֿאַרגענגלעך.
און מיין לעבן ז׳דין אַזוי און ברעכלעך.
ווי אויסגעקוועטשטע דאַרע טרויבנהענגלעך,
קופּעס טויטע טעג ביי מיינע קנעכלעך.

פֿלאָרידע, 1938

ווײמוט

מיט ווײמוט מיין האַרץ איז קוואַליק
פֿאַר דעם, וואָס געווען און ניטאָ.
מיין טאָג איז גאָלד און גאַליק,
מיין וועלט איז טויבנגראָ.

אָ, העלער גלאַנץ פֿון פֿאַליעס!
דיין ליבע, עמעצנס טויט...
די טעג די גאָלדענע כלות —
שטייען פֿאַרשעמט, פֿאַררויט.

אָ, טייערע, טייערע מיינע!
מיין יוגנטס אַלטע פֿריינט!
ווי ווייסע, ווי צוויטיקע קרוינען
האָט איר מיין מאַי באַשיינט.

איצט ליגט איר — שטילע בערגלעך
מיט אַלטע פֿאַרקנס באַשוויגן —
און איך מיט טרערן וואַרג מיך,
ווייל מיט אייך איך וועל ניט ליגן...

גרויסגעשטערנט

די נאַכט איז גרויסגעשטערנט
אָ, שטערנזעעריי!
ווער פון אונדז אַנטלערנט
די שיינקייט־נאַרעריי?

דער זין פון אַלע זינען?
רויק און שוים און שיין.
אָ, אַלע ימים רינען
אין מיין טרער אַריין!

די אויגן שעפּן ניסים,
די אויערן שעפּן שוייג,
אויף טאַי פון ים און מדבר
זיך שיילט אַ שטערנצווייג.

די נאַכט איז גרויסגעשטערנט,
צעפּינטלט מיט געבענק.
עס ציטערן, ווי טרערן,
דעם הימלס טרויבנשטענג.

עפּעס אַזוינס

כ׳האָב עפּעס אַזוינס פאַרגעסן,
געדענק ניט וואָס און ווען.
כ׳געדענק נאָר ס׳האָט געפינקלט
און דימענדיק געברענט.

כ׳האָב עפּעס אַזוינס פאַרלוירן
וואָס איז ניט קליין, ניט גרויס.
איך טאַפּ אין אַלע טאַשן:
עס פעלט מיר גאָרניט אויס.

כ׳האָב עפּעס אַזוינס פאַרשפּעטיקט
וואָס קומט שוין קיינמאָל קריק:
פילייכט מיין ביטער אומגליק?
פילייכט מיין טרויעריק גליק?

כ׳האָב עפּעס אַזוינס פאַרוואָרפן
מיט די אייגענע הענט די צוויי.
כ׳הער עס נאָך איצטער פאַלן
וואו איך שטיי און גיי.

כ׳האָב עפּעס אַזוינס דערמאָנט זיך
וואָס האָט, ווי אַ טרער, געגליט:
עס איז שוין לאַנג אין דעם דאָ,
איצט מיינט עס גאָרניט ביט.

געדענק מיך!

געדענק מיך, מענטש! אויך איך וועל דיך געדענקען
מיט ליפּ פון גראָז, מיט הימלס בלויעם ניגון.
געדענק מיין לעבן, ליבן און מיין בענקען,
מיין שנעלן פינטל צווישן פייער־פליגן...

און אַז די ערד וועט קושן און וועט זיפצן,
וועט זיין אין דעם מיין ליבשאַפט און מיין זיפץ.
און אַלע טויבנפיסלעך מיט די גאָלדנשריפטן
וועלן ענדיקן פאַר מיר אָט דאָס געשריפטס...

נאָר זען וואָלט איך פונדעסטוועגן געוואָלט
מיט אויגן אייגענע — בלינדע ווי זיי זיינען —
אַנשטאָט מיט שטערן, זון און מיט לבנה —
וואָס אויף דעם שטויב פון מיין געביין וועט ברענען.

בלאָע נעכט

אין הויף פון צייט שטייען גרייט די פערד —
וואָס־קען־טון, וואָס־קען־טון איך ?
כ׳האַלט מיין בייגל מיט אַש אין טאַש,
די פיס — אין צוויי בלאָנדע שיך.

די בלאָנדע שטיוועלעטן בלאָנדזשען אַרום,
די אויגן אין קאָפּ גייען נאָך :
כ׳וויס ניט וואוהין, נאָך ווען, נאָך וואָס
די פיס מיטן קאָפּ שפּילן שאַך.

איינער נעמט שוואַרץ, דער צווייטער ווייס :
טורעמס און פערד און קנעכט !
אַז קאָפּ וועט געווינען, קריגט ער דערפאַר
אין הימל די בלאָע לעכט.

וועלן פיס געווינען — קריגן זיי לוין :
די ערד, וואָס שוין אויסגעשפּאַנט,
דאָס זונען־מייזל, וואָס לויפט אַרום.
פון שפּיגעלע צו דער וואַנט.

אין הויף פון צייט שטייען גרייט די פערד,
זיי הירזשען און שלאָגן פינק.
איך האַלט די שאָטן־לייצעס אין האַנט
אין קרייז פונעם כישוף־רינג.

פאַרגליווערט אין לויף, ווי אַ פילמבילד,
אין לאַנגזאַמען באַוועג,
איך שטיי שוין אַזוי אַכט־און־פופציק יאָר
נאָך מיט עטלעכע טעג.

ווען מיין קאָפּ איז געווען...

ווען אין מיין קאָפּ איז געווען
ליכטיק, ווי אין מיין האַרץ, —
איז אויף מיין קאָפּ
געווען טונקל און שוואַרץ.

איצט, אַז אין מיין קאָפּ
איז אַלץ טונקל אַזוי, —
איז אויף מיין קאָפּ
העל ווי שניי...

מיין טרער, מיין טרער...

מיין טרער, מיין טרער פּלאַצט פון געלעכטער:
ישראלס גאָט איז אַ גערעכטער!

ווייט אַרום עס שלאַקסט אַ פּלאַם
פון וועכטערס שיפן אויפן ים.

דעם וועכטערס וויכטיקער לאַמטער
צאַנקט אין העלער פּעריפער.

די אויגנווייסלען אַפּגעווענדט
פון שפּיז אין קאַלטער האַנט פאַרקרעמפּט.

אויף זיין סיגנאַל געוואַרט עס האָט
דער גאַנצער פלאַמענדיקער פלאָט.

מיין טרער, מיין טרער פּלאַצט פון געלעכטער.
אויפן טורעם שטאַרבט דער וועכטער.

אַ טויט־געשריי פון מענטש און מויז
פון ווייסע כוואַליעס שלאָגט אַרויס.

דער וועכטער בליקט מיט אויג פאַרגלייזט:
דער טורעם ווערט פון פלאַם פאַרפלייצט.

יולי, 1941

הערנער

די הערנער פון דעם אַנטעלאָפּ —
אַ וואָפן, אַ ציר, פארן קאָפּ?

ווי שטאָלץ די לאַסט! דאָס ביקסל לאַכט
מיט האָגל־שרויט דורך בערג און נאַכט.

עס ברומט דער הירש אין טיפן וויי,
פאַרהאַלטן צישןביימער צוויי...

וואָס שטייט אין וועג דעם אַנטעלאָפּ?
זיין אייגענער, זיין שטאָלצער קאָפּ!

דאָס בלוט, וואָס ריזלט צישן הערנער,
פוצט בלומענדיק די וויאָלע דערנער...

איך מעסט אָן

איך מעסט אָן אַ סטראָף,
איך מעסט אָן אַ וואָרט —
ס'איז ענג און ס'איז שמאָל
אָט דאָ און אָט דאָרט.

אָ, גרויס וויי מיין פיין איז
צעבראָכן אין דריי —

עס וועט אין קיין סטראָף,
אין קיין ליד ניט אַריין.

ס׳איז ניטאָ אַזאַ ברייט,
ס׳איז ניטאָ אַזאַ לענג —
צו קענען פאַרדעקן
וואָס ס׳האַרץ מיינס געדענקט.

כ׳מעסט אָן דאָס שווייגן
פון שטערן ביינאַכט:
עס פאַסט ווי אַ האַנטשו
צו אַלץ, וואָס איך טראַכט.

אין קליידער פון שטילקייט,
פון לבנהיקן שניי
ליגט שיינקייט פאַרשיכורט —
דאָס וואָרט פון מיין וויי.

כ׳וויס אַליין גאָרניט

כ׳וויס אַליין גאָרניט, כ׳קען מיך ניט מעכטיקן
צי רייסן פון בוים די קאַרשן די פּרעכטיקע.
כ׳בין אַזוי מיד. כ׳שלאָף אין מיין וואַכן.
מונדירןביים טיר שטייען שטייפע און וואַכן.

עס שימערט דער דימענט פון בענקשאַפטערייי
אין מיינע גרינלעכע אויגן די צוויי.
עס שיט זיך פון קוסט דאָס בוים־ווייס אָפּ,
רגעלעך ווילד שפּרינגען גאַלאָפּ.

אַש איז דין — דינער נאָך פייער.
פון אַלטע טעג ווערן ווידער נייע.
טו לאָמיר שווייגן העכער פון אַלע שטערן,
אַז גאָט און גאָרניט זאָלן מוזן דערהערן.

שטערן

הימלס נאַכט איז איינגעטונקען
אין אַ פּאַראַסאָל פון פונקען.
ס׳פרירט שוין אין די ספּערן אויס
יעדער ווייסער ווילנשטויס.

אַזאַ גרנ׳יסקייט טאפּעצירט
העלן פּורפּורטום אין מיר.
אַזאַ מעכטיקייט פון שווייג —
גליווערדיקער אייביק־צווייג.

ס׳שאַלן קריגסגעשרייען הויך.
אַלע קוואַלן קוועלן רויך.
אונטער בערג־שפּיץ קאַלטע ציין.
קריצט, ווי זאַמד, דער טעם פון זיין.

ווי דער ווייך־דופט רינט פון פלאַש,
ווי עס עסט די ערד איר אַש,
אַזוי איך, וואָס איז אויך דו,
ווען אויסעט ערגעצוואו.

בענקען און בענקען...

בענקען און בענקען און טרערן
זינט איך געדענק.
איך וועל שוין קיינמאָל ניט אויפהערן
צו בענקען מיין געבענק.

איך וועל אַנבענקען אַ טאָל מיט פּערל,
איך וועל אויסבענקען אַ באַרג מיט ווײי —
ס׳וועט די אייביקייט מוזן דערהערן
דאָס שוייגן פון מיין געשריי.

איך וועל מיין טאָן פֿאַרשרויפֿן
אין האַלדז פֿון סאַמע טויט —
און איך וועל מיר אַליין פֿאַרלויפֿן
דעם וועג צום גאָלדענעם פֿלויט.

פֿון מיין פֿאַרגאַנגענהייט

פֿון מיין פֿאַרגאַנגענהייט עס שפּרינגט אַרויס אַ לעמפּערט
פֿון לויטער פֿינטלען — פֿלעק אויף פֿלעק.
עס איז מיין ערשטע זינד — די ליבע,
עס איז מיין ערשטע שטראָף — די שרעק.

עס שרפֿענען ביי מיר אין אַלע ביינער
דער גלוסט צום פֿלאַם, דער תענוג פֿון טויט.
די אומווירד שטעלט מיך אין דער שוואַרצער קינע
די ווירדע — טראָגט אַקעגן זאַלץ און ברויט.

צעריסן בין איך צווישן טיגער־נעגל,
מיין זינד אַ טראָפּן נאַפֿט־וואַסער צעגלאַנצט.
דאָס גובר־זיין שלעפּט אויף קרומער פּלייצע
אַ גרויעם און אַן אייזערנעם קראַנץ.

עס איז מיין טרוים צו גאָט געווידמעט,
נאָר מיין וואַרהייט האָט הערנער הויך־געדרייט.
און וואַרט אויף מיר דער טויט מיט סמאַלע־קעסלען
ס'לעבן וואַרט אויף מיר מיט בלומען אינעם קלייד.

די זון מיך בינדט מיט אירע שטראַל־שפּיגאַטן,
ווי אברהם האָט זיין זון געפּענט.
עס שטייט געגרייט דאָס האַלץ און דער מזבח
נאָר גאָט ציט אויס צום חלף זיינע הענט.

ווער עס ראַנגלט זיך מיט ריזן, ווער מיט קאַרליקס —
איך ראַנגל זיך מיט אָט די צוויי באַנאַנד:
אין שטריק פון זון, פון זייפבלאָז און פון שפּינוועבס —
דער קאַרליק שלאָגט מיין קני, מיין שטערן — דער גיגאַנט.

מיאַמי ביטש, מאַי, 1938

נאַראַיעוו

אָ, שטורקאַץ פֿון נעכטן, גרויסער, גרויסער חלום,
יוגנטס אייביק־העלער ליבשאַפֿט־קאַרניוואַל!
לאַנג האָב איך געמאַכט שוין מיטן טויט אַ שלום,
ווייל ס'עט אויף מיין קבר ציטערן דיין שטראַל.

היימלאַנד, מײַן היימלאַנד!

היימלאַנד, דו, מײַן היימלאַנד, דו האָסט מיך צוגעבונדן
צו זיך מיט שטריק פֿון ליבע, וואָס שטאַרבט קיינמאָל ניט,
כ׳בענטש די ליכט, וואָס דו האָסט אין מיר געצונדן,
כ׳קוש דעם צייכן פֿון דײַנע דריבנע טריט.

די זיבן זילבער־גאָלדנס פֿון דײַנע שטילע וואָכן,
די דרײַסיק זילבערס פֿון דײַן גאָלדענעם חודש —
אין מײַן קינדיש האַרץ זיי קלינגען און זיי שאַרכען
ווי פּרוכת־גלעקער אויפֿן אָרון־קודש.

כ׳געדענק דעם דימענט־זײַל פֿון דײַנע העלע שטויבן,
דײַן האָפּנשטענגל, גאָלד־באַר, טערנעסליפּקע,
כ׳געדענק דעם דעמבעבוים פֿון דײַן פעסטן גלויבן,
די מיידלעך — ווי אמהות: שרה, רחל, רבקה.

ברונעמס טיפֿע, קאַלטע, געפּלעקטע שאָף און רינדער,
לבנס שטעקן בליט — אַ גאָלדענע פּאַסאָליע,
האַלב־טאָג פֿון חדרים צעשיטן זיך די קינדער,
דער חזיר אין דער בלאָטע לייגט זיך צו פּאַוואָליע.

דער מאָרגן — נאַסע רויזן פּאַררויטלטע און גליקלעך,
דער דעמער — ריינער טלית מיט אַ פֿלאַם־עטרה,
די טויבן דײַנע — מומעס רײַך און דיקלעך,
דאָס גאַנצע שטעטל געניצט פֿון עין־הרע.

דײַן ווינער שטראָז, ער לאָזט זיך אין מרחקים,
דורך הינט און זאַנגען; דורך ציטער און דורך שאַרשען,
און וואָס דײַן קול זאָגט — דײַן עכאָ טוט פּאַטאַקען,
פֿון ווייטן קומט אַ חתונה אַ דאָרפֿישע.

דורך טרערנדיקן נעפּל זע איך העל און דייטלעך
מיין היים — דאָס גרינע שטעטל לעבן דאָרף;
מיין האַרץ קלאַפּט אין די פעלן פון די חופּה־פּייקלעך,
איך טו אויף מיינע אַקסל די יאָרן אַ פאַרוואָרף:

ווי אין אַ רוימער טאָגע, אין מיין פעלערינע
גיי איך דיר אַנטקעגן, נאַראַיעווס קלויז־לאַמטער,
כ׳האָב געזוכט, געזוכט דיך, איך קאָן דיך ניט געפינען,
יוגנט, דו מיין היימאַט, דו ביסט ניטאָ שוין מער.

אָ, היימלאַנד, דו מיין היימלאַנד, דו האָסט מיך צוגעבונדן
צו זיך מיט שטריק פון פייער, פון אַטלעס און פון זייד.
אויף קאָרן־אָקעאַנען פלאַמען רויטע וואונדן —
און איך שטייג־אָפּ ביים ווינקל פון הימל און פון צייט.

נאַראַיעוו

איך בין נאַראַיעוו וואו איך זאָל ניט זיין,
נאַראַיעוו בין איך אומעטום און אייביק.
וואָס גייט עס אָן דעם מענטש, אַז ערד איז שטויביק,
וואָס גייט עס אָן דעם קריגל: וועלכער ווין?

איך האָב מזרח אויסגעפּרוואווט און אויך דעם צפון,
אין דרום און אין מערב וואוינט מיין ווינט.
ווער זעט נאָך מער, ווי יענער וואָס איז בלינד,
און ווער איז נאָך מיט טרוים, מער ווי איך באַזאָפן?

עס בלייכט די נאַכט פון צער, וואָס זי מוז ווערן טאָג.
דער טאָג — ער שוואַרצט זיך צו דער נאַכט אַהין.
איך בין נאַראַיעוו — אין לעצטן פאַל — כאָטש וויען.
טעג: דער לעצטער האָט דעם ערשטן אָנגעיאָגט.

וואַנדערפייגל קענט איר? זייער גרינגער פליגל
אַנדערש ווי דער רויב־פויגל, וואָס הענגט אויף לופט.
איך הער זיך צו צו מיר: עפּעס קלינגלט, רופט —
די האַנט פון גאָט טונקט־איין איר שוואַרצן זיגל.

אָפּשיין פון שבת

די מאַמע פלעכט קוילעטש, דער טאַטע הבדלה,
און פרומעטל פלעכט אירע צעפּ.
ס'איז געל די הבדלה און ווייס איז די חלה
און בלאָנד, ווי די זון, פרומעטס צעפּ.

עס קומט אָן דער שבת אין וואָגנס מיט לייטערס,
געפלאָכטן פון צעפּ און פון לעכט:
געקניפּט און געבונדן דער היינט מיטן מאָרגן —
מיט טרייע, מיט אייביקע פלעכט.

אַ קאָם האָט געקאָמט און אַ האַנט האָט געצוואָגן,
געוואַשן די ווענט און דעם דיל:
דער בעזים געקערט, און די באַרשט האָט געשאָבן
דערשאָבן, דערקערט און . . . ס'איז שטיל!

דער מלך פון שבת קומט אָן אויף די רעדער —
פון ברויט און פון לעכט און פון ליב;
צעלויכטענע זון — אויפן טישטוך פון הימל
פאַרגיסט מיט גוט־שבת די שטוב.

דער טאַטע אין זייד און די מאַמע אין אַטלעס,
די קינדער אין גליק און אין ציכט:
עס פאַלט פונעם הימל, עס פאַלט פון די פלעכטן
שטראַלן מיט לאַכעדיק ליכט.

ס׳איז פרומעט מיין כלה און איך בין אַ יינגל
אין אַלטן, פרום־צייטישן הויז.
ס׳איז מאַי און ס׳איז שבועות: דאָס לעבן, די ליבע —
צוויי סטעזשקעס וואָס ליגן פאַראויס.

איך טראַכט פון דער היים — מיין פאַרלוירענעם אינדזל,
וואו גליק האָט געשפּונען מיין העמד!
עס שטייט נאָך מיין פרומעט אין קרוזשעווען פאַרטעך,
פאַרלייגט אויפן האַרץביידע הענט.

איך קום איר אַנטקעגן, פון וואָסער אַ פרישער,
איך זאָג איר גוט־שבת, גוט־יאָר...
עס פלעכט זיך אַריין אין העם לעכט פון מיין גורל
חלה און ליכטיקע האָר.

שטעט

מאָסקווע טוט זיך אָן אין בערן,
די לינדן די בערלינער ציען —
דורך געמיטן רויע, שווערע,
גרויע, שווערע מעלאָדיען.

ווין, מיין ווין — ווי איך געדענק דיך
אין הויכע וואַלצערס ביז צום בויך!
איבער זעלבסטמאָרד־דונאַי וועלבט זיך
קופּאָלן פון דעם בלויען רויך.

וואַרשע — מיט די ציטער־אוירינג,
פון לאָמטערנס געל און רויט,
באַשלאָסענע די טויטע לעבנס
אויף לעבן, לאַכן און אויף טויט.

פּאַריז — דער הפקר און די פרייהייט
לעבן דאָ, ווי מאַן און ווייב.
אויף די מיסטן פון הפקרות
בליט־אויף דער גייסט, דאָס לייב...

ניו־יאָרק — ריזן־וואָסערפאַלן,
איינגעפרוירענע אין גאַנג,
פון אירע עמפּייער־שפּיצן ציטערט
אַלעס, וואָס דער ערד טוט באַנג.

בלויז דו, אַ קרוינשטאָט פון מיין לעבן —
נאַראַיעוו — טאָלנפולע ערד,
עס האָבן פופציק יאָר דיין צויבער
ניט פאַרמינערט, נאָר פאַרמערט.

ציריך, לאָנדאָן, לעמבערג, מאָסקווע,
פאַרשווינדט, איר ניט־געמיינטע שטעט!
איר האָט מיר צוגעזאָגט פּאַלאַצן,
גאָלדן ברויט און זיידן גרעט...

איר האָט מיר צוגעזאָגט — פון הימל
טעלערלעך מיט אָלדעס וואויל —
און באַצאָלט די ברודנע וועקסלען
מיט אַ שמייכעלע אַ הוילס.

לעשט אייך אויס, איר — שטעט פון מערב,
בבלס קרוינען, צונג־פאַרמישט!
עס האָט אַ ביטערער בעל־חשבון
אייך פון רייסטער אָפּגעווישט.

בלויז נאַראַיעוו, דו — מיין ריינע,
אָנגעטון אין גאָלדענעם לייך,
פון מיין יינגלדיקן שניי־ווייס
ביסטו אַלץ די בלויע קרוין.

טרויבן אויפן טיש

טרויבן אויפן טיש. טונקעלע טרויבן.
טרייע טרייסטן. טרויבן אויפן טיש.
הענגלטרויבן. הענגלייכטער.
וויין אויף שבת.
אַ פלאַש אַ גרינלעכע, דין־האַלדזיקע.

אַ טאַטע שוואַרצאַטלעסדיק באַקליידט.
אַ מאַמעס אויגן יונגע
הינטער אַ האַרשייטל אַן אַלטס.
הייסע טשאָלנטקאַשע.
(ווערבע־ביימלעך בײַ דעם טײַך.)
„כל מקדש שביעי״
ש־בי־עי...

זומערלופט. פאַרפעכערט
פון מײַנע פעכערדיקע שבת־ווינטלעך,
וואָס גייען זיך נאָר גלאַט־אַזוי אַ ביסל דערך,
(איילן ניט צוליב געשעפט, חלילה!)
שפּאַציר־שטראַזן פאַרזוניקטע, פאַרשבתטע.
זיי פירן ווייט און ווייט
און ווייט.

און דבורה —
(איש על מחנהו, ואיש על דגלו.)
אַ גלוסטונג גליענדיק גייט אויף
צו איר, צו איר, צו איר.
(באור פניך תכהקם.)
דאָס לויטער־לאַכן־ליכטיקע
ליכטיק־לאַכן־לויטערע.
וואָס טראָגט מיין ליכטיק גליק —
אין ווייס־אַפּל פון איר אויג.

שטרויענע טעג

שטרויענע, שווייגנדע טעג אין נאַראַיעוו,
אַ פויגל כאַפּט אַ וואָרעם און מיך כאַפּט־אָן אַ בענקען.
אינמיטן פון שטויבעדיקן שווייגן האַיע איך
אויף דאָרן און אויף באַדיק פון געדענקען.

ווי ווייס מיין דאָרן איז! ווי זיס דער שטאָך,
וואָס לאָזט פון פינגער וואָרעמקייט אַנטרינען.
איך לייג דיך צו נאַראַיעוו צו מיין הויט און קנאָך
צו מיין בלוטנד האַרץ לאָמיך דיך צובינען.

איך ווייס ניט אַקוראַט, איך קען מיר ניט דערקלערן,
פאַרוואָס דיין פלאַקס איז גאָלדענער, דיין גראָז איז גרינער,
דיין נאַכט־הימל — אַ מויל, די ציינער זיינען שטערן,
איינגעביסן טיף ביי מיר אין זינען.

דיין זון איז שטיל און טויט! דיין שטילקייט אַזאַ בלאַסע,
אַ שמייכלדיקער צער קושט דיר טריי די אויגן.
ווי אַ גאָלדענער שטרייף אין אַ גרויער טאַסע —
אויף דיינע גערטנער כ׳האָב מיין יוגנט־ליד פאַרצויגן.

דיין היטל־צוקער־באַרג, די קאַלטע נארן־מיצע:
דער טראָלד איז בלאַנד מיט ווייסן שטראָלן־שמעטער.
אין סאַמע ברי פון שלאַכט־שטויב איך זע דיך רואיק זיצן,
נאַראַיעוו, דו מיין לעצטער פון צעשטערטע געטער.

מיין זכרון שאַרט מיט גין־און־גאָלדענע ווערלען,
פון זלאָטאָליפּאַ גייען כישופדיקע רויכן:
ווילדע ליבע שבטים קלאַפּן אין די קעסלען
און וואַסערלעך פון קוש קלאַפּן אינעם מוח מיר.

עס נעמט אין איר קלעם די שיינקייט אָט די פּראָסטע,
דאָס פלוישן פון דער בין, דאָס רוישן פון די קוואָלן.

איך נעם אַלץ ביי דיר, נאַראַיעוו, זאָג מיר נאָר, וואָס האָסטו?
די שטראַלן פון דיין ליד און די שפינען־שטראַלן.

אַ, שיינענדיקער ליגן, וואָס טראָגט מיך אויף זיין אויסשפרייט,
אַ, ליכטיקער אַמאָל, וואָס קושט מיין עלענטס סטעזשקע.
ווי וואָקסליכט אין דער זון טרויעריק, הייליק אויסגייט,
אַזוי אויך דו, נאַראַיעוו, מיין יוגנטס האַלאָוועשקע.

אוי, ווינטן ברעכן איין די האַרבסטיקע שטאַכעטן.
די עפּעלעך אין גאָרטן פאַלן שוין אַראָפּ.
די קאַניעס זעצן זיך צו טרויעריקע באַנקעטן —
און רויבן פון מיין זעל אַלעס, וואָס איך האָב.

הײמשטעט

ביים האָדסאָן ביי דעם גרייזן
דאָרט שטייט מיין גרויע שטאָט,
פאַרפאַנצערט אין אַן אייזן.
עס קען זיין האַרץ ניט ווייזן
דער גאָט, וואָס איז נישטאָ.

די טעג — איך קען זיי טויזנט
און זיבן טויזנט נעכט:
בלויז דאָרנדראָט און רויזן
און מאָרדעוודיק געפעכט.
אַ שווערד אויף לינקס און רעכטס —
און איבער אַלץ אַ קרעכץ.

עס גיבן ערגעץ אײנדזלען
אַרום דעם גרינעם ברעג.
ווי פאַרב־פאַרפעצטע פּינזלען,
וואָס שפּייען אויס אַ קלעק
און אַלץ אַרום מיר שרעקט.

שיפגעקלאַנג און קייטן,
קעסלגרוב פון שווייס,
קוימענס — שדימס פלייטן —
פייפן לאַנג און בייז.
דער שפּיי פון האָס איז הייס.

שפּיגלדיקע שויבן,
ווי גלעזער פייערבראַנד,
דעם „האָל אָוו רעקאָרדס״ טויבן
לעבן שטויב אויף וואַנט.
דאָס לעבן און דאָס לויבן
זיי זיינען אַן אַנטאַגט...

ביים ברעג פון מזרח־ריווער,
ביי טויטע דאָקס און וואַרפס,
דאָרט גייט מיין חלום איבער
צו אַלט־צייט פון ניו־יאָרק:
מיין משה־לייב שרייבט לידער,
און איך פאַרזויף די זאָרג.

ס׳איז אַלץ שוין לאַנג געוועזן,
עס איז שוין היינט נישטאָ.
און איר, וואָס וועט דאָס לעזן,
אינמיטן פון ניו־יאָרק,
וועט שמעקן דאָס געוועזנס,
ווי אַ פּאַרפום אין מאָרג.

וואָס איז דען דאָ צו זינגען
צו דיכטן וואָס פאַראַן?
דער גלאָק, וואָס האָט באַקלונגען
דעם ווייעוויך אין דער פאָן,
שוין שווייגט מיט טויזנט צונגען —
און שווייגן — דאָס איז סם.

איך קען אייך, שטיין און ציגל
פון האַדסאָנס פּיראַמיד!
אויך איך האָב אָפט געדזשוויגעט
די לאַסטן צו דעם שפּיץ,
מיין שם אין לופט פאַרקריצט,
ווען שלאַקס האָט העל געבליצט.

און ציילט מען שטאָק און שטיינער,
אויך ציילט מען מיינע שעה:
זיי ליגן איינס ווי איינער
איינגעמויערט דאָ —
די קאַלעכווייסע ביינער
פון מיין „געווען־נישטאָ".

דורך וועלכע יאָר־אַלייען,
דורך וועלכע רגעס שמאָל,
די זונען מיינע גייען
פון בערגשפּיץ אָפּ צום טאָל.
די שאָף געשוירן שטייען
אויף קאַלטע קופּעס וואָל.

ביי דער „גאָלדענער ליפּע"
אַן אַנדערע שטאָט איך האָב
פאַרשלאָפן און פאַרכליפּעט
מיט קאַלטן דאָרשט נאָך גאָט.
און אויב עס נאָגט אַ קליפּה
ביי מיר אָט־דאָ־אָ אָט:
איז עס צו יענער שטאָט!

ווי שטאַרק דערקוויקנד ווייַן איז,
פאַר דעם, וואָס טרינקט אים אויס.
און ווער קען האָבן טענות
וואָס וויאַנען מוז די רויז?
און פיינער נאָך ווי פיין איז,
וואָס יעדער לאָמפּ גייט אויס,
ווען זון־האַק שטירצט דאָס הויז.

פּראָווינסטאַון

ס'איז יום־טוב פון זאַמד אויף ערדענער וועלט—
אינעם גריכישן קרוג אין שויב אויסגעשטעלט.
אָ, זאַלץ־ווינט און סמאָלע און לעבנסוואַך —
סעפּטעמבער אויף זעגלען פון פּראָווינסטאַון.

פערלמוטענער ים

.1

פערלמוטענער ים פון פּראָווינסטאָון
אינדזלעך אָפּגעדעקטע, אין גרינע רייען.
די ים־טויבן הענגען אין דער לופט
ווי לעבעדיקע, וואָרעם־בלוטיקע שנייען.

אַן אייביק פרעמדער אין דער וועלט,
קלעטערסטו אויף היגלען פון זאַמד.
ווידער ווי שניי, ווידער ווי טרויער —
איבער וואולקאַן־צעריסענעם לאַנד!

גערטלעך אָנגעפּראָפּט מיט בלום־ווילדקייט,
אונטער האַרבסטיקע בינען,
די „סאַנדוויטש"־פּלעשער, ווי זייפנבלאָזן,
אין דער רויכיקייט גרינען.

דער ים גייט פון אַלע זייטן —
מיט פרידלעכקייט אַנטקעגן,
אַ שילד: „עי האָם עט לאַסט" —
ווינט אויף די ליסקינע וועגן.

די שקיעה־שיף זינגט טרעפלעך אַט דאָרטן,
מאַיעסטעטיש בוקט זיך דער שטראַנד.
מיר זיינען זאַלב־אַליין ביים באָרטן,
ביים וואַסערס ווייסן בראַנד.

עס דונערן כוואַליעס גרויזאַם,
די ווייסע שוים־וועלף היילן,
נאָר אונדזער לעבן איז אַן אויסנאַם
מיר ווילן דאָ אייביק שוין ווײַלן.

.2

איין־זייטיקע, גוטמוטיקע טראַטואַרלעך
פירן מיך אַהין און צוריק
אויף צעריבענע ציגל —
און פון אַלע זייטן פלעמעלירט
דער בוכטע־שפיגל.

ווי פון טאָג אַליין קינסטלעריש געמאָלן
אין לוסטיקער מעלאַנכאָליע איינגעראָמט,
שיפן גייען — אויף גאָלדענע הימלען
צום אַלטן פּילגרים־לאַנד.

די ים־פייגל זיינען אויכעט ליטעראַריש,
זיי דרוקן זייער זאַמלשריפט אויף זאַמד:
אַ ליד פון וועלן און פון ווערן
קלינגט פון וואַסערס בראַנד.

ווי הויך איז דאָ דער אַלטער קלויסטער!
(געלעבט האָבן דאָ אַמאָל ריזן־געטער).
נאָר מילעך־מילד איז דאָ די גאָטהייט,
ווי דאָס היינטיק וועטער.

און די אונטערשרייבער אַלע
פון דעם בריטישן קאָמפּאַקט,
שטייען דאָ פּוריטאַניש —
אין שטיינער אויסגעהאַקט.

און ניט נאָר בלויז אין מאַרמאָר,
נאָר אויך אין מענטשס געזיכט —
עס פליסט פון פּיאָנערן־מוט
דאָס העלדן־ליד, ווי ליכט.

.3

די הייכקייטן
און די נידערונגען
האָבן זיך וואָרטלאָז
צעזונגען.

סיראָטענע פּישער
מיט זאַלץ־פעפער בערד —
אויף ברעמען סיאַרסקענע
האָבן דאָס דערהערט.

ווייגען זעלן געליטענע
דורך שטומקייט פון זאַמד,
רופן צום אייביק־פאַרמיטענעם
גליקלעכן לאַנד.

עס וויגט זיך די אַלטע בענקשאַפט
אין אַרבעס־זופּ פאָגע.
פון ים־גלעקער קאַפּעט אַרונטער
די אָסיען־כאָגע.

וואַך־בוידעמס גלעזערנע, פּוסטע,
אָקטאָגינאַלע,
פענצטער, ווי שיפלאָמפּן ווייטע,
טאַפּן מיט שטראַלן.

מעוועס געטראָגן פון ווינטן,
אויף גרעסערע פליגל
וואַרפן זיך אין דער לופטן
ווי בבלשע ציגל.

עס זיפצן אָן לשון די מענטשן,
עס שווייגן די דיונען פאַרביטערט.

איבער די בלאָנדזשענדיקע אינדזלען
לויפט אַ ציטער.

אַ קאַלטער טומאַן איז אין דרויסן,
ביי דיר איז זומער אין האַרצן.
עס וויאַנעט ניט קיינמאָל די בענקשאַפט
צום לאַנד צום געגאַרטן.

זון־אונטערגאַנג

אויפן שפּיץ פון אַ לאַנגער צווייג
הענגט שווער די מידע, גאָלדענע פייג.
ס׳איז דער גאָלדענער אויסגיי פון מיין האַרץ, וואָס איז תל,
ס׳איז דער זילבערנער סוף פון אַ גאָלדענער וועלט.

טרויעריקע קעצלעך אויף הויז־שוועלן זיצן.
אַ, טרוימען פאַרגאַנגענדע לאָמיר־זיך־איצט׳ן,
אַ, ליכטן געשליפענע אין גלעזערנעם גליק.
אַ, וואַסערן קאַלטע דאָרט אונטערן בריק.

ס׳איז יום־טוב פון זאַמד אויף ערדענער וועלט —
אינעם גריכישן קרוג אין שויב אויסגעשטעלט.
אַ, זאַלץ־ווינט און סמאַלע און לעבנסוואַן —
סעפּטעמבער אויף זעגלען פון פּראָווינסטאַון!

פּראָווינסטאַון, סעפּט., 1937

אַ בית־עולם

אַ מצבה, אַ פאַרנאַכט, אַ פרעמדע שטאָט —
פון פּילגרים־יחוס, פון ערשטע „סעטלערס״.
די אַלע מתים דאָ, אין קברים אָנגעטאָן,
ליגן שלאָף־פאַרזונקען אין די בעטלעך.

עס הענגט פון אויבן אַ רויב־פויגל אַ ברייטער,
די שפּעטע זון — אַ פּייערדיקע מצה.
שטילקייטן פון ערד און הימל טאַנצן זיך אַקעגן,
אומהערבאַר קלינגען זייערע ציטער־טאַצן.

מיר גייען צוויי דורך טויערן געאַקערטע.
עס נעמט דער טויט ס׳לעבן אויף — פּאַראַדנע.
מיט שטראַלן ברייטע — ניט געקאַרגטע
אויף די צלמים די האַרבאַטע...

בייזלעך רוישט אַ בין — פּאַרשפּעטיקט,
זוכט האָניג אין מצבהדיקן דאָרן.
די זון פאַר היינט האָט אָפּגעדאַנקט שוין
די לבנה טרייבט דעם אָוונט אויפן האָרן.

מיר זיינען צוויי — און זי איז יונג און ליכטיק,
מיר שטייגן אויפצו־צו — צום באַרג פון טויטע.
און צישן אונדז — ווי אַ סענדוויטש ריכטיק,
דעם בית־עולמס שטיינערענע ברויטן.

מיר בייגן זיך און לייענען נעמען, דאַטן.
מיר ליינען־איבער דעם אָפענעם בית־עולם
אַ זון... אַ טאָכטער... אַ פריינט... אַ טאַטע
אַלע גוטע, ערלעכע און וואוילע.

צו צווייען שלאָפן דאָ פאַרליבטלעכע פּאַרפאַלקן,
דאָס ברייט מצבהלע — אַ טויב אַ טאָפּל־קעפּיקע.
עס ציט אויף קבר־אָבות אַן אַלטער וואָלקן,
מיט אַ ליכט אין האַנט, אויף מירמל־טרעפּן.

פון אַלע שטיינער רינען איצט די שאָטנס,
און מאַכן קריכן שטיל פון אַלע ווינקלען,
טאַפּנדיק דעם און יענעם נאָמען
אַ קוש צו טאָן און אים דערטרינקען.

פּראָווינסטאַון, סעפּט., 1937

האַרבסט אין ניו־ענגלאַנד

דער וואַלדיקער מאַנטל ווערט דינער,
גרינגער די לאַסט פון זיין גלאַנץ.
די בלעטער — אומאָרדנונגס קינדער —
אין אַ פֿאַלנדיקן טאַנץ.

עס לאָזט זיך נאָבל דער חלום
אַרונטער פון אַלע טרעפּ.
זיין ברייטער אַרבל פינקלט
מיט רעגנבויגנס פון קנעפּ.

ניו־ענגלאַנד, מיין נייער דורכגאַנג,
ניו לאָנדאָן, די שטאָט וואו איך בין:
שיכורער אינדיאַנער זומער
זיין האַרבסט־העמד שפּינט.

איך האַלט די געפּילן ביים צימל,
זיי שוימען אין ווייסן גאַלאָפּ.
דער איבערפלוס פון די פאַרבן
דעם באַרג אין טאָל גיסט אָפּ.

לאָרד בייראָנס געקרוינטע ווערטער,
דער וויימוט פון אָמאַר קהאַיאַם —
זיי שפּילן אויף בלאָע געוועסערס,
זיי ברענען אויף קעפּיס פון ים.

אויף אַלטע שאָקאָלאַד־פעלדזן,
אויף טייכן פון צוקער־קאַנדל,
עס שמעקט דער נאַקעטער טרויער —
ווי אָפּגעשיילטער מאַנדל.

דער אָונט, מיט רעגן געוואַשן,
שמעקט מיט הימלישן מעד.

די ערד — אַ טיש אַ פֿאַרשפּרייטער
פֿאַר אַ געטער־באַנקעט.

מען דערוואַרט דאָ ראַמעאָ־יוליאַ,
מ׳ריכט זיך אויף לאַורא־פּעטראַרך:
אַ שיף מיט שמעטערלינג־זעגלען
ציט לאַנגזאַם דורכן מאַרך.

ניו לאָנדאָן, קאָנעקטיקוט, אָקט. 6, 1937.

די רויזן־קוסטעס

די רויזן־קוסטעס שטייען באמת דאָ
אין גרויען רויט, רויט און גראָ.
דער בוים בלעטערפּולער גליקלעך־שלאַנקער
האָט איינגעגראָבן אין דר׳ערד דער לאַנגער
זיינע נעגל — און זיי זוכן טיף
דעם לעבנס טונקעלן באַגריף.

די צוויבל־סטויבערס — לייבן־עקן גראָ
הייבן־אויף די זאָם אַרויף־צעצו.
און איבער האָבער, רעטעכער און הירש
עס גייט די זון — אַ גאָלדענער פֿירשט.

פֿערדלעך יונגע, האָלדז אויף האָלדז פֿאַרטראַכט,
טראָגן אויף הער ברוינער פֿעל די פּראַכט
פֿון אָטעמען, פֿון זיין, פֿון אייביק ווערן.
די פֿערדן־אויגן געלבלעך, ווייסע שטערן
גליען מיט זומער־ווינט דורך גריווע־שלייער,
פֿול מיט פֿרישן היי עס ליבע־זיפֿצט דער שייער.

אויף מילעך־בלויע טעפּיכער פֿון ווינט
איך פֿלי דעם וועג צוריק — איך בין אַ קינד.
און ס׳לויכטן מאָרגנס בלויז, וואָס ליגן העל און ווייס,
און נעכטנס האָב איך ניט אין שאַפּלאַד פֿון מיין צייט.

נאָך איז באַטרוג און ליגן מיר ניט לעסטיק,
און וואָס מיין אויג טאַפּט אָן איז פּרעכטיק.
ווי דאָ אויך דאָרט, ווי איצט אויך דעמאָלט,
אינעם זייפנבלאָז פון ערד פאַרדרעמלט,
איך הענג די זעל אַרויס אויף שפּיץ פון אויגן —
און ס׳קאַפּן שטיל די טראָפּנס רעגנבויגן.

אין ציטער־טוי, וואָס זויבערט טאָל און היגל
עס האָט מיין טרוים די דרויסנטיר פאַרזיגלט.
און אָנגעהעריק נאָענט ווי אַ האַנט ביים מויל
עס טאַנצט מיין פרייד אין זון
נאַקעט, באָרוועס, הויל.

מאַרבלהעד, מאַסס.

כ׳האָב געזאָגט „וועלט״
און כ׳האָב געזאָגט „ערד״ —
און וואָס האָב איך געקענט
שוין זאָגן מער?

אויף אַ וואַרעמען שטיין
אין אָנהייב אָקטאָבער,
פאַרטאַיעט אין שיין,
פון בראָנז און צינאָבער,

אַ גרין־גרין בערגל,
נאָך זאַפּטיק מיט זומער,
איז פון שאָטן־שטאָכעט
געוואָרן באַקומערט.

ס׳איז ביי ניי־ענגלאַנדס
ימיקן ברעג,
עס שווימען אַרויס
געהויבענע טעג.

גרייז־גרויע אַפּטייקן,
אַ זעגל־וועבעריי.
דער טאָג אַליין איז
געגילטער בליי.

אַנטיקן צעשטעלטע
אין טריבע געוועלבן:
בעכערלעך, לייכטערלעך —
תמיד די זעלבע!

שווערדן אין זשאַווער
און מזרח־קינזשאַלן,
גרין־פאַררויכערטע פלעשער,
ווי געבלאָזענע באַלעמס.

דער בעזי איז געשפּרייט,
ווי אַ טישטוך פאַר יאַכטן.
עס קלינגט וואו אַן אַנקער
און מעוועס לאַכן.

דער פעלז דער פאַרוויטערטער
פון מאַרבלהעד האַרבאַר —
איז סטאָאיש מיט גלייכגילט
פון אַלץ, וואָס שטאַרבט נאָר.

ניט־אומיסנע זיך וויגן
די שיפלעך אין בוכטע
מיט עפּעס אַ גוטסקייט
אַ שטאַרק אויסגעזוכטער.

און ווייט פאַרן אויג,
און ווייט פאַרן האַרץ,
עס ציטערט דאָס לעבן
דאָס אָפּגענאַרטס.

עס האָבן דאָ ריזן
אַריבערגעשפּאַנט
געלאָזט אויפן וואַסער
די שיף און — געלאַנדט.

כ׳האָב געזאָגט „וועלט״,
כ׳האָב געזאָגט „ערד״ —
אַ שטאָפּעט פון מיין זעל
האָט געזאָגט „כ׳הער״.

מיין בת־שבע

וואַלד און דו און די לבנה,
דריי און צוויי און איינס.
נאַכט אין טיולענער קימאָנאָ,
ווילדעוודיק און שיין.

מיין בת שבע

מיין בת־שבע,
ווי איבערן ים אַ מעווע,
דעקט־צו די ווילדקייט מיטן פלאַטער
פון איר ריינעם פליגל, נאַכט־צע־צו,
אַזוי אויך דו
דעקסט־צו די גרויע לייבן־גריווע פון מיין אומרו
מיט בלאַנדעקייט, מיט פינקעלקייט
פון גאָלדענע לעכט, וואָס וואַקסן אויפן בוים,
פון גרינע סעדער ביים וואַסערס זוים.

ביי די ברעמען פון מיין טרויער האַלטסטו דעם לאַמטער
פון דיין אויג. דיין וויע ציטערט אויף מיינער. ווער
נאָך ווי וויעס צוויי זיך ציטערנדיק אַנטקעגן
קענען וויסן פאַרוואָס לעבן איז לעבן?

בת־שבע,
צום ראַנד פון ים צילט די מידע מעווע,
צום מיטן ים צילט דער זעלס צעבראָכענער פליגל.
עס ברענגט מיין בריוו צו דיר אינאיינעם מיטן זיגל.
דער טריפאַקס רויט, וואָס רינט און פלאַמט,
אַ שטיק האַרץ, וואָס איך האַלט אין דער האַנט
איבערן ליכט פון מיין צער היינט־צו־טאָגישן.

פלאַמענדיק מיט ווערטער דור־הפלגהשע,
דער בריוו איז איינגעזיגלט ביז צו אַש
פון הונגעריקע הינט — פון ווינטן אויפגעגאַשט,
דער גלותדיקער קנופּ, דער פייער־קשר
אויפגעבונדן. ער קניפּט ניט מער שוין.

נאָר מיין האַרץ און דיינס — בת־שבע,
נאָך אַלץ אויף די שפּיץ־פליגל פון דער מעווע
מיט איר איבער די שוימען, טרערן־רוימען.

אַ פלעכטל רויך איבער אַ שיף־קוימען
שרייבט צו אונדז, וועבט אונדז איין
אין דעם אויפגעווינטלטן, פינטלדיקן שטערנשיין.

פּראָווינסטאַון, סעפּ. 1937

מיט אַ בלייפעדער

מיט אַ בלייפעדער געשריבן,
מיט אַ גומי אָפּגעמעקט:
אַט אַזוי האָבן די יאָרן
אונדזער ליבע אָפּגעמעקט.

מיט אַ שטעקן אָנגעשריבן
אויפן זאַמד און אויפן שניי,
איז דאָס מזל פון אַ מענטשן,
איז די ליבע — פון אונדז צוויי.

מיט אַ בליץ־האַמער געהאַמערט,
אויסגעברענט אין פייער־בראַנד.
איז דער ליגן פון דעם לעבן
איז דער שאָטן אויף דער וואַנט!

פעסטער, געליבטע

פעסטער, געליבטע,
טוליע זיך צו;
עס שרעקט מיך דער טויט
און די אייביקע רו.

עס שרעקט מיך דאָס לעבן,
וואָס ענדיקט זיך וואו,
פעסטער, געליבטע,
טוליע זיך צו.

פעסטער, געליבטע,
דריק מיך צו זיך;
דאָס נאַרישע לעבן
עס ענדיקט זיך גיך.

דער נאַרישער חלום
פאַרגייט פונקט ווי דו,
פעסטער, געליבטע,
טוליע זיך צו!

פּײַסאַזש

וואַלד און דו און די לבנה,
דריי און צוויי און איינס,
נאַכט אין טיולענער קימאָנאָ
ווילדעווּדיק און שיין.

אויפן דינסטן מעל צעריבן,
זערנעס פון געשוויג.
ס'איז דער ווילד־וואַלד שטיל געבליבן
מיט זיין שטאָם און צוויג.

לילער אייזערהענער אייז־גאָס
פון די ווערטער־בערג.
וואָס עס טוט זיך אויבן, ווייסט גאָט —
אפשר אויך ניט ער!

נאַכט אין ווייסן אויסגעכלהט,
דו מיין כלה, קינד,
דינער, ליכטיקער ווי אַלעס
אונדזער שפּינוועב־שילד.

פּחד־פּעסטונג וועגרינע
אין אַ צוקער־מיץ,

ווייסע, זידנדיקע בינען
אויף די שוואַרצע שפּיץ.

ווי אַ פינקלדיקע פּריצה,
איז די קוויבעק־נאַכט.
און די באָבע רופט מיך איציק
און דער פעטער — לאַכט.

אַט פאַרגאַנגען ביז דער ענדע
פון דעם קליינעם שטראָז
דורך די אַלע פּערציק לענדער
נו, און איצטער — וואָס ?

וואַלד און סוף און די לבנה,
דריי און צוויי און איינס.
נאַכט אין טיולענער קימאָנאָ
ווילדעוודיק און שיין.

יעווגעניאַ

דו ביסט מיר אַזוי נאָענט — אַז איך קען דיך ניט.
כ׳ווייס נאָר, מיר טוט וויי, אַז דיר גייט בלוט.
כ׳ווייס נאָר, דו ביסט פון מיין האַרץ דער קלאַפּ,
כ׳ווייס נאָר, אַז דו ביסט מיין לעצטער שטאַפּ.

העכער גיין פון דיר — איז צו הויך.
ווייטער גיין פון דיר — איז צו לאַנג.
ביידע שווימען מיר אין זעלבן רויך,
פינטלען אויף דער זעלבער לעבן־זאַנג.

ווי אַ שוועסטער, וואַכסטו ביי מיין שלומער,
דעקסט מיך איין מיט הענט, ווי ווייסע בלומען.
קושסט מיך איין מיט טרויבנזאַפט פון באַנג —
דיין קוש געדויערט אַ לעבן לאַנג.

איך פֿאַר דיר, ווי דו פֿאַר מיר — אַ שפּיגל־גלאָז:
צו דעם קילן אָפּדאַכט דריקן מיר די נאָז,
און פֿאַרחידושט שטייען מיר אַזוי,
איינגעפֿלאָנטעט גאָלד אין גרוי.

אַלעס אויסער מאָס, דיסטאָרטירט.
כ׳בין ניט קלערער דיר ווי דו ביסט מיר.
מיר טרעטן אָפּ אַמאָל — אַ טריט צו ווייט,
און עס פֿאַרלירט די וועלט איר שפּיגלקייט.

מיר פּרוּוון נאָכאַמאָל און נאָך און ווידער.
איך שפּיגל דיך צום סוף אין מײַנע לידער.
מיט אָטעם וואַרעמען, מיט זיסן ביטער
האַלט איך אָן דײַן האַנט, וואָס ציטערט.

דו האַלטסט מיך מיט דײַן אויג, וואָס שטאַמלט אויס
אַ וואָרט צו מיר ווי אַ טרער די גרויס.

נאָוועמבער, 1937

צאַרטע רייד

איך נעם דיך אַרום מיט צאַרטע רייד,
ווי מיטן דינסטן ליל.
עס זײַנען ניט קיין רייד, קיין קלענג
נאָר שטומער געפֿיל...

בלויז דופֿט, בלויז נעפּל און שפּריי בלויז
גייט־אויף ווי אַ שטיק מוזיק,
זיי טראָגן דיך אויף זייערע אָרעמס
אַהין און צוריק...

דאָס הויז, וואו מיר וואוינען, איז אַלט שוין
און קלוג מיט יאָרן און סיוון.
דער אָוונט — אַ רואיקע בוכטע
וויגט אונדזער פּורפּור־שיף.

עס בלוילען זיך שאַטנס פון דעקעס,
גראַטעלעך פון דיין בעט.
זיי האַלטן געפאַנגען די דינקייט
פון אַלץ, וואָס איז אַוועק.

ס׳איז קלוג, אַט ווי די אַלע געבויגענע,
אונדזער געבויגענער דאַך.
ער האַרכט זיך איין מיטן קוימנדל
אַזוי ווי אַ טויבער — אין שפּראַך.

מיר ריידן ניט גאָרניט מיט ווערטער.
עס שרייבט בלויז אַ ברעם צו אַ ברעם.
דער ציטריקער שטראַל פאַרשטייט עס
און האָרכט זיך אויך איין אין דעם.

ווי אַ צווייגעלע וויינטרויבן

ווי אַ צווייגעלע וויינטרויבן ריכטיק,
אַזוי ביסטו צייטיקלעך דין, אַזוי בלאַסלעך גרין,
אַזוי דורכזיכטיק ציכטיק.
צווייגעלע טרויבן, טרויבן דו מיינענקע.
מיט דיר, לעבן דיר בין איך אַ וויניקער.
טויעקלעך פריש און טערפּעקלעך זיס,
מיין צווייגעלע ווין,
מיין קריגעלע שיין.

ביסט גוט און ביסט רונד געראונדלט מיט רינגלען,
וואָס זיינען ווי כוואַליעס, פול בעכערדיק זינגען,
פון נאָפּל און ניפּל און ליפּן און צעפּ
פון טרויעריקע שטערן, וואָס שלאָפן אויף טרעפּ.
איך שטיי מיט פאַרשיכורטע זשמעניעס און שעפּ.

ליכטיקע צווייג, מיין שטערן און טרויב,
ווי טוי אויף אַ שטענגל פּראָסטיק פאַרבלאָעט,
דיין אויג
מיט האַרטע און גראָבע
לעמפּערטן־פונקן,
לעמפּערטן־טויב.

מיט דיר, אַ מיין בלי־צווייג, אין רונדונגען טויזנט פאַרכישופט,
דערדישעט
מיין בעט, ווי אַ שיף אין חלום אַריין,
מיך פאַרשיפט,
מיט אָנהאַלט מיט פעסטן אָן דיר אין די זינגענדע היפּט,
מיט אָנהאַלט אין דיר, מיין געליבטע, דו רואיקער טייך,
אין וועלכן אַ שטיין איז געפאַלן.
און רונדן אויף רונדן עס גייען פון פריידן די כוואַליעס,
פאַרשפּיצט אין קאָנטראַסט
ביז צום געדאַנק דיינעם.

מיט זין פאַרן לעבן, מיט זין פאַרן זיין און זיין לאַסט,
מיט פלאַמשפּיץ־מחשבות העלע, ווי קרעלן,
קאַראָנאַ אויף ברעגן פון זון,
און איך ווער באַלויכטן און איך ווער געוואָרעמט
דערפון.

(אויף שוועל וואָס צו דרום
מיט אויגן פאַרזשמורעטע ליגט פרידלעך פאַראיינזאַמט דער הונט!)

ווייל מער ווי דיין לייב, וואָס איז טרויב,
וואָס איז ווייַן, וואָס איז דופט,
ליב איך דעם גייסט, וועלכער וואוינט
אין וואונדער־פּאַלאַץ פון דיין גוף.

באַשיידן אַזוי און העלדיש אַזוי
און שטענדיק געווויטלט מיט רויט,
אין קאַמף פון דיין קלאַס, אין פורכטבאַרן קאַמף
פאַר לעבן, פאַר ליבע, פאַר ברויט.

ביים ים

פישלעך אין האַרץ וואַרפן זיך
און עפּעס זידט דאָרט אַ ווייסער בראַנד.
מיר ביידע, מיין קינד, באַדאַרפן זיך,
ווי דער הימל דאַרף לאַנד.

די בלעזלעך דאָרט אויף דער בוכטע?
דאָס מערט זיך די ווידמונג פון ים!
אַלדינגס, וואָס לעבט, מוז באַפרוכטן —
מיט אייגענעם פלאַם.

עס וועלן לבנות טויט־ווייסע
שלעפּן דעם ים אויף און אָפּ
און אויך אַריבערשפּרייזן
אַריבער אונדזער קאָפּ.

דער ווינט, וואָס קושט די אויגן,
די האָר — ביי דיר, ביי מיר —
וועט האָבן אינגיכן פאַרפלויגן,
ווי מיין קושנדיק וואָרט צו דיר.

פּראָווינסטאַון, מאַסס., סעפּ. 24, 1937

מאָדערן...

דיין בריוול היינט ריכטיק דערהאַלטן,
דו זעגנסט זיך אָפּ דאָרט מיט מיר;
דו נוצסט אַן ערשטקלאַסיקן יידיש
און שרייבסט אויף געווירעט פּאַפּיר.

דיין סטיל, דיין סטיל איך באַוואונדער.
די פּונקטואַציע — אויך:
דו האַקסט זיי די פּינטעלעך, קאָמאַס —
אַריין מיר ווי טשוועקעס אין בויך.

נו, גוט, איך וועל אויף דיר וואַרטן —
ביים „באַרדוואַק", אַזוי ווי געוויינטלעך,
און דו וועסט מיך זידלען און זידלען
צווישן פיר ליפּן — פּערזענלעך.

אַ קוש און אַ קוש און אַ זידל,
אַ קוש און אַ קוש און אַ כליפּע,
ביז דו וועסט ענדלעך אַנדרימלט
צווישן צוויי מידע פּאָר ליפּן...

איר בריוול

זי שרייבט אַ פּיסנע בריוול —
עס האָט אַ פּיסנעם טעם.
טונק איך עס איין אַ ביסל
אין אַ שנאַפּסיקן פּלאַם.

נעמען די בוכשטאַבן טאַנצן
און הייבן די ליכטיקע פּיס.
טראַכט איך פון אירע בריסטן
און מויל פון מאַנאַ־ליז...

די ווערטער — שוואַרצע מאַנאַכן,
פּאַרטאַיעט אינמיטן שניי,
הייבן־אָן כמעט ווי לאַכן —
איך הייב זיי אָן צו פאַרשטיין.

אַ שטויבל אַן איינציקס פון ליבע
איז אַריין אין מיין אויגן־נעץ,
און האָט מיר די פּיסנע וויעס
מיט גאָלדענעם ווייַן פאַרנעצט.

איך האָרך מיט פּחד

כ׳האָב ניט ליב און כ׳האָב ניט פיינט די פרויען,
מיין שוועסטער און מיין מאַמען האָב איך טאַקע ליב;
מיין שוועסטער איז אַ קראַנקע און אַ גרויע,
מיין מאַמע קילט שוין לאַנג דאָס גריב.

אָקטאָבער נאַכט. עס פינצטערן די פענצטער
אין וואַלד־האָטעלכל פון פּראָווינץ קוויבעק,
כ׳האָב נאָכגעיאָגט, נאָכגעיאָגט מיין שענצטער
וואו די ערד און הימל האָט אַן עק.

בליאַסקעוועט איר שיינקייט ביי מיין זייט אַנשלאָפן,
איך אַליין נאָר וואַך און וואַך און וואַך.
ס׳האָט מיט מיר אַן אומגליק זיך געטראָפן —
ס׳האָט זיך אויסגעגאָסן ס׳טינטאָרל — די נאַכט.

דערווילדער וואַלד איז טויב אויף אַלע ביימער,
אויף אַלע זיבן טייכן — שטום און בלינד —
און איך ליג דאָ אין צווייען נאָך אַליינער
און האָרך מיט פּחד ווי מיין לעבן רינט.

לאָרענטישע בערג, קוויבעק, קאַנאַדע, אָקט., 1938

אין דיינע אָרעמס

איך האָב אין דיינע אָרעמס דערוואַכט —
און פּונקט אַזוי האָט אויך דער טאָג דערוואַכט.

מיט צווייגן ווייסע, אָפּגעשיט מיט צוויט,
אין גאָלד־פּאַנטעפעלעך די טריט פון די מינוט.

מיט אויגן קלאָרע גרין מיט זון,
גליקזעליג מיט זיך אַליין פּאַרטון.

און עפּעס גאָלדנס געווען, איז אין דער וועלט,
גלעקלדיק, ווי וואַסער אין אַ פעלד.

און דו און איך אין בלאָ־מאַנטל פון טאָג,
מיט בערג־קאַמען די זעלן אויסגעצוואָגט.

מיין ליבע צו זיך זעלבסט פאַרגאָסן פון צופיל —
אין דיר, מיין בלאָנדע רויז, — זיס און קיל

מיט טרוים נאָך פריש אויף האַרץ, און דו — באַשטעטיקונג,
אַז אַלעס אין דער וועלט איז פריי און יונג.

ש פ אַ צ י ר

וואָס טראַכטן דיינע אויגן — אוי וואָס טראַכטן זיי?
איך הער זיי ריידן מיט פייכטע אַטלעס גלאַנצן.
צי טראַכטן זיי, אַז ס'איז שוין לאַנג אין דעם,
ווי ס'הערט זיך צו צו זיי מיין גוף אימגאַנצן.

עס שטראַלט פון דיינע זאַנגענדיקע וויעס
דאָס ליכט, וואָס קומט פון וויט אַהערגעצויגן
אין שטורעם, וועלכער האָט דיין וועלט פאַרוויסט —
דיין יוגנט האָט געפליכטעט אין די אויגן.

מיר גייען דורכן וואַלד — ס'האָט אָפּגעקלאַפּט
אַ רעגן, עס ציטערן נאָך די שפּיצן צווייגן:
ס'איז פריש און צאַרט און מלא־טעם די וועלט,
עס זינגט מיין האַרץ מיט קלינגענדיקן שווייגן.

עס נאַכטלט לאַנגזאַמלעך, ליבשאַפטלעך און זיניק.
ס'איז לעצטער שיין מיט שאָטנס אויפגעמאָלט.
עס גייט אונדז נאָך דאָס קעצל מיט די ווייסן זאָקן.
דער הימל גרייט צום טיש אַ טעלער ווייסן גאָלד.

דיין האַנט אין מיין, איך וויל אין דיר פֿאַרפֿאַלן,
אַז שטערן־לעפּל זאָלן אויסמישן אונדז צוויי.
מיין פּיין טוט־אָן דעם בלישטשענדן צילינדער
און געגנט אָן אויף האַלבן וועג די פֿרייד.

מיר גייען קליינע שטעד, מיר שפּאַלטן רגעס
מיט אונדזערע פּולסן, ווי מיט העק פֿון וואַט.
ס'איז אַלץ שוין אויסגעזאָגט, שוין אויסגעזונגען,
ניטאָ שוין אויף דער ערד קיין ניט־פֿאַרשריבן בלאַט.

נאָר איך און דו מיט אונדזער קליינעם לעבן
מיר גליען, ווי דער וואָרעם, ווי די פֿייער־פֿליג.
און ביי דעם ליכט פֿון אונדזער גאָלדענער רגע
מיר רינען צו דעם שטילן קוואַל צוריק.

סטאַנפֿאָרדוויל, יולי, 1938

זי האָט געזאָגט

זי האָט געזאָגט: כ'בין ניט פֿון יענע,
וואָס שטאַרבן ווען זיי ליבן.
צו ענדיקן ווי דער שקלאַף אזרא
איז מיר ניט אָנגעשריבן.

זי האָט געזאָגט: כ'בין ניט פֿון יענע,
וואָס גיבן זיך רואיק דעם טויט,
אַזוי ווי מ'גיט אַן אייגענעם קינד
אַ פּוטער־ברויט.

זי האָט געזאָגט: כ'וועל שרייען הויך,
כ'וועל גראַבלען די אויגן
דעם, וואָס וועט קומען צו מיר
מיין אָטעם־דימענט רויבן.

זי האָט געזאָגט: די נאַכט איז לאַנג,
לאָמיר איינס ס'אַנדערע העלפֿן שלאָפֿן;

עס זײַנען אַלע טיר־און־טויערן פֿון גליק
פֿאַר אונדז בײדע אָפֿן.

זי האָט געזאָגט: כ׳געדענק שױן ניט מער,
כ׳געדענק בלויז דעם טעם פֿון אירע ליפּן,
און מאַרגנס, װאָס קומען־אָן פֿול
מיט אונטערגעגאַנגענע שיפֿן.

סי גערט, 1936

צאַנק

. . . „און װײַטער גאַרנישט" — דער מיטן פֿון אַ שמועס.
מען האָט דאָס גאַניק־ליכט דאָ אױסגעדרײט.
און עפּעס גאָר פֿאַרצײַטיש, עפּעס גראָעס
האָט פֿון פֿינצטערניש אַרױסגעװײט.

דאָ ניט לאַנג ערשט — צו צײלן אױף מינוטן
עס האָט אַ פֿרײד אומאַרעמט אונדזער שטיבל,
און די לבֿנה־ליסענע — אַ שטומע
אַרײַנגעלױכטן אין אַ רעגן־גריבל.

אַ דופֿט פֿון מענט, פֿון דערפֿלעך גרינע, װײַטע,
אַ דופֿט פֿון רו און פֿון נשמה־פֿרידן.
די אָרנטלעכע, אַרבעטזאַמע לײַטן
שױן שלאָפֿן רויִק נאָך אַ טאָג אַ מידן.

און מיר, די צװײ, אין װילדן פּלאָנט פֿון ליבע
צונױפֿגעװאַקסן, פֿאַרװיקלט און פֿאַרקניפּט
מיר האָבן אױפֿן גאַניק פֿונעם פֿאַרם־שטיבל —
יעדער אײנער פֿאַר זיך — קלײן געזיפֿצט.

יעדער מיט זײַן װײַטיק, אַן אײנזאַמע פּלאַנעטע
צי קען אײן שפּראַך פֿאַרשטענדיקן אונדז צװײ?
מיר רײדן בײדע ייִדיש, דװקא ניט פּאַעטיש,
נאָר רירנדיק עס איז דער שטומער װײ.

וואָס מערער אַלץ — עס ווערט דער קנופּ פאַרקניפּטער,
אים אויפבינדן עס קאָן איצט בלויז אַ האַק.
מיר זיצן דאָ פאַרווייטיקטע און זיפצן —
עס זיפצט די גריל מיט אונדז צום טאַקט.

עס פינטלען קלוג אַראָפּ מיליאָנען אויגן,
דאָס גרעסטע אויג וואָרנט זיי „זייט שטיל!"
צו לאַנג דאָס שווייגן אונדזערס האָט זיך אויסגעצויגן
און איינגעמאַטערט אונדז און אונדזער גריל.

אַזויפיל קלאָרע שטילקייטן — סימפּאַניעס,
אַדורכגעציטערטע מיט פּערל און מיט שניי.
אויב צווישן אונדז עס רינט אַ ווינט מיט האַניק,
איז זיסער ווערט די וואונד און — טוט מער וויי.

די דינע בייטש פון זעלבסט־באַשטראָפונג
סווישטשעט אין אַיעדנס טראָפּן בלוט,
נאָר אויסצוגיסן די חרטה אָפן
האָט קיינער פון אונדז ביידע ניט דעם מוט.

עס שפּריצן שטערן פונעם הימלס ברונען,
ווי די טרערן פון אַ קוואַל מיט לויג.
ס'האָט דאָך דאָס האַרץ אַ שפּראַך געפונען,
וואָס שלאָגט אַרויס פון טיפעניש פון אויג.

ס'האָט אויפגעבראָכן דאָס־אָ נאַסע לשון
די שליוזן די פאַרהאַלטענע פון טרייסט און טריי.
ס'איז רענדלדיק געוואָרן אונדזער גראָשן,
ווי גאָלד וואָס ווערט פון אויסגעשאָסן בליי.

„און ווייטער ווידער!" — דער אָנהייב פון אַ שמועס.
דער שטאָך־שפּיץ פונעם וואָרט פאַרבויגן אין אַ רינג.
און וואונדער פלייצן דורך דער נאַכט דער גראָער
און הילן־איין מיט צאַרטן צער — אַלצדינג.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., אויגוסט, 1938

לידער פון יאָ און ניין

דער טייטש פון אַ ליד איז זיין ניגון,
דאָס וואָרט איז זיין וואָכעדיק קלייד.
דער טויט און די נאַכט באַליגן
דעם זין פון די זוניקסטע רייד.

אַ ניגון

דער טייטש פון אַ ליד איז זיין ניגון,
די ווערטער בלויז אַן אונטערשריפט דערפון.
כ'האָב מיר אַ שטיקל ווינט אָפּגעשניטן
און איינגעוויקלט אין דער דינסטיק־זון.

און דאָס אַרויסגענומען נאָך שבת
פון דער גליאיקער פאַרבנביט —
איז עס געווען אַ ברענענדיקע שמאַטע
דאָס נעמלעך־אַ ווינטיק ליד.

האָב איך עס צוגעלייגט צום ווערטל,
דאָרט, וואו דאָס האַרץ דאַרף זיין, —
איז ניט געוואָרן וואַרעמער, בעסער,
ניט גרינגער, ניט לייכטער — ניין!

האָב איך עס צוגעלייגט צום שטערן,
דאָרט, וואו דאָס קלערן דאַרף זיין.
פאַרקאַטשעט עס זיך ווי אַ רעדל,
ווי פּאַפּיר אויף פּיקערשטיין.

האָב איך עס צוגעלייגט צו די ליפּן,
וואו אָטעמען דאַרף די זעל —
איז עס געוואָרן איבערגעביטן,
ווי פון אַ שטורעם פאַרגעלט .

האָב איך עס געלייגט אויף די אויגן —
האָט שוין גאַרנישט געזען מיין אויג,
חוץ פאַל פון אַ רעגנבויגן
און רעג פון אַ פאַלנבויג.

נאָר עפּעס אַ זונדערער זמר
האָט אין דער לופטן געברענט,

און האָט ווי דער טרויער אין דעמער
צעשפּרייט זיינע בלינדע הענט.

דער טייטש פון אַ ליד איז זיין ניגון,
דאָס וואָרט איז זיין וואָכעדיק קלייד.
דער טויט און די נאַכט באַליגן
דעם זין פון די זוניקסטע רייד.

פאַר וועמען?

פאַר וועמען זאָל איך זינגען מיינע לידער,
ווען טיפע ערד־ציטערס קומען פאַר אין מיר?
אַז איבער אַלע פעדערס, אַלע פידלען
הענגט די בלאַנקע שווערד און זי דיקטירט.

עס מוז דאָס ליד באַדינען דאָך די פילע;
און פילע זיינען די וואָס ווערן באַהערשט!
איז וואויל צו דעם, וואָס מאַכט פון וואָרט אַ קלאַפּ־טאַץ
פאַר מיליטעריש־הייסן שטיוולמאַרש.

אַז וואויל איז דעם, וואָס דינט אַ גאָט, אַ קייסער,
צי דעם אינסטינקט פון אַ פּאַרטיי.
איך האָב געפּרואווט פון אַלע בלויז דאָס לעצטע —
אַז וויי צו מיר, אַז טויזנט־פאַכיק וויי!

פון שלאָף געוועקט האָב איך די אונטערדריקטע,
מיט קאָפּ אין וואָנט געגעבן דעם סיגנאַל.
און פאַרפירט פון אייגענעם געשריי געבליבן
וואַכן מיט דער ביקס ביים שעפּסנקוואַל.

האָב איך דערהערט דאָס שעפּסישע געבלעקעכץ
און אוי־געשרייען פון דער אַנדערער זייט;
מ'האָט אויפגעשפּילט דעם דיכטערשן אָרקעסטער
צו דעקן דעם געשריי פון שעכטהויז דאָ ניט ווייט.

און איך וואָס בין מיט פּלייט און שווערד געגאַנגען
צו אויסווישן די טרערן פון דער ערד,
איך האָב געזען די גאָלדענע פּלייט פאַרשווינדן,
געבליבן איז נאָר בלויז די נאַקעטע שווערד.

האָב איך פון שרעק געוואָרפן אַלע ביידע,
אי שווערד, אי פּלייט, און בין מיט גרויס אַנטלאָף —
געקומען צו דעם גרויעם תהום פון אומגלויב,
געקומען צו אמונהס לעצטן סוף.

און דאָרשטיק בין איך איצט נאָך גאָט און ליבע.
דאָך לעקט מיין צונג פון טויטן קוואַל דאָס זאַמד.
ס׳איז ניט אַזוי דער דאָרשט, וואָס עסט די אינגעווייד,
ווי ס׳איז די שאַנד, וואָס עס דאָס האַרץ, די שאַנד.

איצט ווייס איך שוין, אַז פּויסט און פּען אינאיינעם,
זיי זיינען עס דער צווילינג, וואָס רעגירט,
און אַז איבער אַלע פידלען, איבער אַלע פּעדערס
עס הענגט די לאַנגע שווערד און זי דיקטירט.

ניטאָ פאַר וועמען איצט צו זינגען לידער,
איז זינג איך זיי פאַר זיך אַליין — נידעריק, שטיל,
צו דעקן גלייך מיט יענע פון „אָרקעסטער״
אין מיר אַליין דעם לעצטן לייבן־בריל.

יולי, 1938

כ׳עפּן־אויף דעם טויבנשלאַק...

כ׳עפן אויף דעם טויבנשלאַק,
עס פליען־אַן די לידער:
ווייסע, גרויע, גרינלעכע,
ליכטיקע און מידע.

ס'רוישט און ראַשט אין מיין געהיר
אַ וואָרקען און אַ ברומען,
נאָר די טויב, די ליכטיקסטע,
זי איז נאָך ניט געקומען.

איך וואַרט און וואַרט, בייטאָג, ביינאַכט,
מיין טויבנשלאַק שטייט אָפן —
צו דער וועלטס פּירזייטיקייט
פון וואָגן און פון האָפן.

און קומט אַ שוועלבעלע אַ קראַנקס
און קומט אַ שטורעמקראָע,
זיי האָבן אויך אַ רגע רו —
אין דער נעסט אַט־דאָע.

אַלץ, וואָס לעבט, עס שוועבט אַדורך
מיין טויבנשלאַק — מיין מוח,
עס פליט אַריין און פליט אַרויס
און פליט אַוועק, ווי רויך.

מיט בלומען

מיט בלומען אין מויל קניעט איצט מיין ליד,
עס אָטעמט נידעריק־שטיל ווי גראָז אין זאַמד.
פון שרייען בין איך טאָקע שרעקלעך מיד,
און אויסגעטרונקען בין איך, ווי פון אַ בראַנד.

איך טראָג פרייוויליק די ביקסן אין מיין צונג,
די שפּיזן אין מיין זעל — מיין גלאַנץ־בוקעט.
נאָר טיף אין מיר עס זיפצט אומשטערבלעכקייטס אַ פונק,
די ליבשאַפט צו דער וועלט — פון דעם פּאָעט.

צווישן צוואַנג און האַמער איך ליג אויף דעם אַמבאָס,
כ׳וואַרט, אַז איך זאָל ווערן שטאָל־געפורעמט, גלאַט.
נאָר ס׳איז מעטאַל מיינער ניט פון ריינסטן גאָס,
עס האָט די גאַנצקייט מיינע ניט קיין גרויסן האַפט.

נאָך ציען זיך די הענט — ווי פאַדערשטע צוויי פיס
צו דר׳ערד אַראָפּ, צו חיהשן געהייל.
און טרערן רעגענען — פאַרזשאַווערן מיין שפּיז,
אין יאָרן שטיינערנע טעמפּן־אָפּ מיין פייל.

מיט בלומען אינעם מויל קניעט איצט מיין ליד,
פאַרשעמט דאָס פּנים, ס׳אויג איז פייכט.
איך ווייס, אַז וואָס מען דאַרף, דאָס טו איך ניט,
און אַז מיט גאָלד פון פּוסט גלאַנצט מיין קעניגרייך.

מאַמע־לשון

ניין, איך בין קיין קרוב ניט
פון כהנים און נביאים:
מיין שפּראַך האָט שווער געהאָרעוועט
אין פישגעסל פון וויען.

מיין ליד עס טראָגט קיין גלעקלעך ניט,
קיין שליפעס און קיין קרעיגן:
איך טראָג אין פּראָסטע פעקלעך מיט
מיין מאַמעדיק פאַרמעגן.

איך שרייב מיט שטיקער לופט אויף טאָג
און קלאָר ווי אַ גוטמאָרגן —
און ווער עס דאַרף, און ווער עס וויל
זאָל קומען און זאָל באָרגן.

פינאַל

אַיעדער שרייבט זיין לעצט געדיכט,
און איך וועל מיינס אויך שרייבן,
אין טיפער פינצטערניש, צי ליכט —
איך וועל ניט שולדיק בלייבן.

ווער ווייסט, ווער ווייסט, ווען דאָס וועט זיין,
אין וואָסער לאַנד, אין וועלכן?
צי וועט מיין קלאַנג אין איידלפיין
אין ראָזן רויך פאַרהילכן?

צי וועט מיין ליד אַ בריל־געשריי,
אַ ווילד געשריי דאַן ווערן —
מיט שוים אויף שורות בלוטיק רויט
דורך האַגל־גוס פון טרערן.

צי וועל איך זיין דער לייב אין שטייג,
אין גראַטעס איינגעביסן,
צי אפשר ווי אַ טויב אין צווייג
אויסוואָרקען מיין גסיסה?

דער גרויער פאַרהאַנג ציטערט שוין
איבער אויגן מידע.
דער טאָג דערטרענקט זיין העכסטע קרוין,
און איך — מיין שיף מיט לידער.

מיינע לידער

ווי אין ים די כוואַליעס,
זיי קומען ווידער, ווידער,
איך קען זיי ניט פאַרטרייבן
מיט קיין טויזנט טעג,

זיי וועלן דאָ פֿאַרבלייבן,
מיינע מידע לידער,
ווען יעדער גייט אַוועק.

זיי שווענקען גרויע טרויערן,
זיי וועבן און זיי וועבן
דאָס סופּלאָזע פֿון וועלט,
דאָס ענדלאָזע פֿון זיין.
זיי וועלן לענגער דויערן,
ווי מיין קורצער לעבן,
דער שוים פֿון שטערנשיין.

באַשרייבונג

ווער עס באַשרייבט פֿון וועלט די ליכטיקע הויט,
איך באַשרייב די טונקעלע געדערים.
איך האָב קיין מורא ניט פֿאַרן טויט
און אויך ניט אוודאי פֿאַר די ווערים.

ווער עס באַשרייבט די ערד, ווי אַ קויל,
וואָס מע טראָגט צו אַ דופּטיקער ליולקע.
איך באַשרייב זי, ווי אַן אויסגעקרימט מויל,
אויף אַ ליפּ אַ יאַטריקע גולקע.

איך שרייב ווי איך שרייב. איר לייענט ווי איר לייענט.
ס'איז ניט גרינג זיך מאַכן פֿאַרשטענדלעך.
ס'האָט די גאָלדענע פּאַווע אַ גינגאָלד קרוין,
די ברונע האָט דאָרשטיקע קענדלעך.

דער פֿידל פֿון לעבן איז שטייף אָנגעשפּאַנט
אַנטקעגן דער בויגן־ווירע.
און איך בין די סטרונע און איך בין די האַנט,
וואָס קען אַן געזאַנג זיך ניט רירן.

דערווייל

עס וועט קומען דער טאָג,
עס וועט קומען די שעה,
און איך וועל ניט זיין מער
מיט דיר אָט־אָ־דאָ.

נישט טרינקען דיין רום־וויין,
נישט טרייבן דיין שפּאַס.
ווּעסטו מיך געדענקען,
דו גרויזאַמע גאַס?

עס וועט קומען דער טאָג,
עס וועט קומען די שעה,
עס וועט מער נישט קלינגען
מיין ליד אָט־אָ־דאָ.

דעריבער איצט טרינק איך,
און זינג דיר אַ לויב —
דו נאַרישע גאַס,
פאַרגייענדער שטויב!...

די לבנה

דער הונט טוט אָן די לבנה אויף זיין געוויין,
ווי אַ קרוין פון עלנדקייט.

דאָס שוואַרצע ווייס־זאָקנדיקע פערד אָבער
זעט אין דער לבנה אַ זעקל האָבער.

דער פוקס זעט אין דער לבנה אַ האָז,
די קו אַ לאָנקע מיט זילבערגראָז.

די קאַץ זעט אין דער לבנה אַ פעטע מויז —
און זי שלייכט זיך פון ליק אַרויס.

דער וואָרים זעט אין דער לבנה — אַ מענטש.
ער פאַרקרימט זיין גוף און בענטשט...

וואָס זעט אין דער לבנה דער פּאָעט?
אַ שפּין אין גאָלדן הענגל־בעט,

אַ שטיק ברויט, אַ פיצל טרער, אַ ווייסן כליפּ,
און אַ מויל, וואָס פרעסט די אייגענע ליפּ.

באַגאַזש

ווער עס שלעפּט שווערע באַגאַזש צום טויער פון אייביקייט,
דער זעט דער טויער איז שמאָל, ווערט שמעלער.
מיט יעדן טאָג געלער
ווערט דער פאַרמעט מיט קנייטשן פון צער,
ביי דער טיר גלאַנצט אַ פעדערנער זשאַנדאַר.

אין וועג צו יענעם לאַנד, וואו שטילקייט
טראָגט די נעפּלדיקע קרוין,
קלייב איך איבער מיינע ווערק,
צייל איבער אַלע גראָשנס פון מיין לוין.

קלייב איך איבער און איבער און איבער
ביז איך ווער שלעפּעריק, מידלעך.
ביי דער שוועל פון אַ שמאָלער, בייזער טיר
קוועטש איך מיך אַריין
מיט מיינע פּאָר בידנע ביכלעך.

כ׳האָב אַ גאָרטן געפּלאַנצט...

כ׳האָב אַ גאָרטן געפּלאַנצט,
כ׳האָב אַ גאָרטן געגראָבן,
איז וועמען זשע פעלט ער?
און ווער דאַרף אים האָבן?

כ׳האָב מיט שווייס פון מיין שטערן
באַפייכטיקט די ערד,
מיט נעגל און ציינער
דעם שטיין־וואוקס געשטערט.

געהיט יעדעס בלימל
ווי אַ ליכט קעגן ווינט,
פון רויבפויגל־פּיסקעס,
פון וואָרעם און שפּין.

ס׳האָט מיין פעדער גע׳יעטעט,
געאַקערט, געפּליגט,
מיט הענט מיט פאַרברענטע —
כ׳האָב דעם דאָרן געפּליקט.

מיט אַ האַרץ אַ צעשטאָכנס
דעם באָדיק באַקעמפט,
ביז דער סאָד האָט דערציייטיקט
זיין גאָלדענע שפּענט.

איך היט אָפּ מיין גאָרטן,
זיין שאָטן — מיין בעט;
און יעדער מין פּרי
איך צערטל און גלעט.

מיט אויער, מיט ליפּן,
מיט האַרץ און מיט צונג.
איך טראָג דורכן ווינט
דעם פאַדרימלטן פונק.

און איך בין דען איינער?
כ'האָב געירשנט, מיר דוכט,
מיילן און מיילן
מיט גאָלדענע פרוכט.

עס וואַקסן די צווייגן
מיט פּירות ביז דר'ערד;
אויך מיר איז דעם גאָרטן
צו היטן באַשערט.

איז דעק איך די פרוכטן
מיט בלעטער פון מענט,
איז ברעך איך די רויזן
מיט הוילע מיט הענט.

עס זינגט שוין די גאָלד־בין
אין דער זון וואָס איז הייס,
און עס זינגט אויך די פרייד
ביי מיר אינעם שווייס.

איך טראָג אין די קערבן
די פרוכט פון מיין צונג,
און ס'איז יעדער פּרי
אַן עס און אַ טרונק.

ס'רינט האָניק און ראָסע
און בלוט רינט דאָרט אויך,
דער יום־טוב טראָגט פאָנען
ביי מיר אינעם מוח.

נאָר מיין שטעקן, וואָס היט־אָפּ
דעם גאָרטן פון שאָד,
פרעגט מיט זיין קעפּל:
וואָס טויג דיר דער סאָד?

ס׳איז איבעריק דיין גאָרטן,
און איבעריק דיין טרער,
זי וואָסערט שוין איצטער
קיין וואָרצלען ניט מער...

עס באָדן זיך פליגן
אין טרעריקן ליד,
די זאַפטיקע פרוכטן
דאַרף קיינער שוין ניט.

ס׳קומט קיינער אַנטקעגן,
ס׳דאַרף קיינער דיין שפּענט;
דער דאָרן פאַרוואוכערט
דעם פרוכט־וועכטערס ווענט.

אומזיסט! עס פאַרוויאַנעט
די ליפּ פון דיין דור:
די זון שליסט איר צירקל
אין בלוטיקן גלאָר...

סעפּט. 11, 1942

מיין פידל

כ׳וועל מאַכן מיין פידל זאָל קריצן,
כ׳בין מיד פונעם פיינעם געגלעט!
כ׳וועל מאַכן די ערד זאָל בליצן
צום הימל, מיט אים אין געוועט.

עס זאָל מער קיין גאָלדענע לאַווע
ניט רוישן פון ליד ביי מיר,
און פעדערן בונטע פון פּאַווהעס
ניט פאָכען די פלאַמען אין מיר.

כ׳בין מיד פון סאַמעט און זיידנס,
כ׳בענק נאָך דעם האַריקן שאַרסק,
כ׳וועל פענטען מיין מויל אין קייטן
זיך צאַמען מיט שטיינער ניו־יאָרקס.

די ווערטער אויג־פינטלענדיק, שטומע,
הינקען־אָן אויף באַפעל פון מיין פען.
פאַרדעקט זיינען וואונדן מיט בלומען,
די אויגן אין פיבער פאַרברענט.

פאַרוואָר, אין מיר הירזשען לידהער,
ווי בלוט־הייסע־פערד אויף יריד.
עס טרעט און עס וואַרפט מיך אַנידער
אָט־דאָס, וואָס איך זינג אייך דאָ ניט.

דאָס פאַרלוירענע ליד

ניט מיין טבע צו שרייבן פון לידער — אין ליד.
נאָר וואָס איך דערצייל דאָ, האָט טאַקע פּאַסירט
מיט מיר אין דער וואָר: דער ווינט האָט באַרירט
אַ בלעטל פון מיינס אַ כתב־יד, געטון אַ ריס
און מיט ציין מיט גלעזערנע אַ בייזן ביס,
ווי אַ וואָלף, וואָס כאַפּט פון דער לופט אַ שטיק רינד,
און אַנטלאָפן דערמיט, דער משוגענער ווינט.

האָב איך מיט די אויגן און הענט צעשפּרייט,
דאָס פאַרלוירענע בלאַט אין דער ווייטקייט באַגלייט,
געזען עס פאַרגיין אין גרויעם פאַרנאַכטיקן שטויב,
דאָס ליד — פון אונטער מיין האַנט אַוועקגערויבט.

האָב איך שוין געגעבן די ליידיקע בלעטלעך אַ טלים
צום ווינט אויפן וועג, וועלכער רינט און אַנטרינט.

געגאַנגען זיך באָדן, געגעסן, דערנאָך זיך שלאָפן געלייגט.
מיין אויער צו דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אין לופטשטראָם געוויקט,
האָב איך פלוצים פאַרנומען אַ זיפץ פון דער ערד.
דערנאָך האָב איך דאָס פאַלן פון שטערן געהערט,
דאָס גיסן פון לאַנגן געוויין אויף סטרונעס פון נאַכט
און עפּעס, וואָס האָט אויף גליק נאָך קיינמאָל קיין ברכה געמאַכט.

און אַ ווילדן געוואַי, ווי פון וועלף אין אַ שטייג,
האָב איך זיך, באַלד איבערצייגט,
אַז דאָס בלעטל דאָס איינע פון מיין פאַרשלונגען כתב־יד
זינגט איצט אַרויס אויסן האַרץ פון דער נאַכט.

דער ווינט האָט עס לאַנג, ווייזט אויס, געלייענט, געלייענט,
ביז עס האָט פון אים קריק אַרויסגעוויינט.
און איך און די נאַכט, דער ווינט און דאָס בלעטל פון ליד —
מיר האָבן באַוויינט אויף אַ שיף אַ געפליכטעטן ייד...

אונדזער ליטעראַרישער דור

ס'איז היינט ניט קיין דור פון גיגאַנטן,
דאָך לעבן נאָך קליינע טיטאַנען.
זיי שלאָפן אויף פויסט־בעטגעוואַנטן
אין גורלס אייזנבאַנען.

זיי רינגלען אַרום זיך מיט רעדלעך,
פון אויסגעברענטע קוילן,
און ס'איז ניט צופיל שעדלעך
דער פלאַם פון זייערע מוילן.

ס'איז נאַריש אוודאי פון שכל —
ניט צו דינען זיין האַר ווי אַ שווייצאַר,
ניט חנפענען און ניט הייכלען
פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ גרייצער.

נאָר דער קעניג איז קעניג אין שמאַטעס,
די קרוין אויפן שקלאַף זי פאַרמיאוסט זיך.
דער פרייער טיטאַן הינטער גראַטעס —
איז פרייער פון קנעכט, וואָס פאַרשליסט אים.

ס'איז היינט ניט קיין דור פון גיגאַנטן —
פון האָמערס, שפּינאָזאס, שעקספּירן, —
דאָך וואו און ניט וואו פון די קאַנטן
הערט מען אַ פליגל זיך רירן.

עס בליצט נאָך די שווערד, וואָס איז פעדער,
עס לויכט נאָך די זעל, וואָס איז פלאַמען.
און עס קייקלען דער אייביקייטס רעדער
אויך דעם דור פון אונדזערע שטאַמען.

נאָוועמבער, 1937

אַ שטיקל פּאַפּיר

פון העפט אַן איבעריק בלאַט דאָ־אָ לעבן מיר
מיט ווירעס גרינע — פּאַסיקלעך צום גראַם.
איז וואָס זאָל איך פאַרטרויען דיר, פּאַפּיר?
מיין פען האָט מער קיין טראָפּן סם!

ווי אַ ווילדע בין, וואָס לאָזט איר גיפט,
שטאַרבט פון אייגענער אומשעדלעכקייט,
אַזוי איצט אין מיין שטילן שריפט, —
די מילדע פּאַטעטלעכקייט.

אַ וואָרט, אַ רויש...

אַ וואָרט, אַ רויש, אַ כליפּ וואָס פרעגט,
אַ האַרבסט־געפּלעקטער פוילער וועג.

מ׳פּאָרט שוין פון יריד, די אַלטע פור איז לער.
די שאָטנס רינען פון די ווייסע פערד.

די פּלייצע פונעם פּלויט מיט רייפער לאָסט געגייגט,
צאַנקענדיקע רענדלעך קאָפּען פון געצווייג.

די לייכטערס טונקלען איין, די שנויצן ברענען אויס.
די נאַכט וויגט מידע צוזאָגס אין איר שויס.

אין שטראַל־געווירעטן גרויעם מאַנאַליט
אויך דאָס שטויבן־פּינטעלע — מיין ליד.

צער און צאָרן

כ׳האָב צער און צאָרן און צרות,
כ׳האָב וויטיקן אָן אַ שיער,
כ׳האָב אָבער אויך, וואָס וואָר איז,
טויזנטער לידער אין מיר.

און גיט אַ באַפאַל מיך דאָס לעבן
און גיט מיך דער אַנגסט אַ באַשלאָג,
הער איך אַ גאָס זיך דאַן געבן
פון פּערל אויף גאָלדענער וואָג.

צו אַלע די גיפטן וואָס סמען,
צו אַלע די דערנער וואָס בריען, —
איך האָב די געקליבנסטע גראַמען,
איך האָב דאָס גינגאָלדנסטע גליען.

און האָט מיך דאָס לעבן דערשלאָגן —
און ס׳רעגנט פון מויל מיר מיט ציין,
מיט גאָלדענעם קאַם וועל איך צוואָגן
די צעפּ פונעם טויט און פאַרגיין.

אַמאָל איז געווען
(אַ לעגענדע)

אויף אַ שטעקן שטעקט אַ פאָן,
האַלט איך שטיל מיין האַרץ אין דלאָן.
פליט מיין האַרץ, ווי באָבע יאַכנע,
צו דער ברויט־און־אייזן מחנה.

פליט אויך קוימען איין און אין,
און זעקס רענץ מכל המין,
פליען־מיט פון הינטנאַרומעט
און זיי קלאַפּן דזשים־דזשים־דזשומעט...

פליען גענדז אויף פייערטעפּ
מיט פאַרגלייזטע, טויטע קעפּ
און זיי בראָטן זיך דערווייליע,
פאַר די הונגעריקע מיילער.

פליען מיר וועלט־אויס, וועלט־איין,
שטיל און וואויל און ליב און פיין.
רופן מיר זיך: קאַמער־ראַדן
אונד וויר זינד מיט ביקס געלאַדן...

**
*

איינגעפלויגן עלף יאָר און אַ שעה,
האָבן מיר געכאַפּט זיך — די פאָן איז ניטאָ.
די פאָן איז אַוועק און ס׳איז געבליבן אַ שטעקן,
אַ פּוסטער שטעקן מיט געפּינטלטע פלעקן.

די גענדז מיט די פּייערטעפּ — די עולם־הבא גענדז —
זיי זיינען אַוועק מיט גענדזענע־טענץ,
מיט אָפענע מיילער אַזוי ווי ביי שלייען.
האָבן מיר אָנגעהויבן פאַלן און — שרייען.

געשריגן, געשריגן — העכער אַ סך.
איז צוגעפאַלן צו דר׳ערד די נאַכט.
וועקן מיר דעם הימל — מאַכט ער זיך נישט־וויסן
און הייסט פון דער לבנה לאָזן שיין גריסן.

בין איך געפאַלן צו דר׳ערד און זיך אויפגעוועקט
אין פאַרכטיקן צאַפּל, אין ציטער און שרעק:
קיין בעזים, קיין שטעקן, קיין באָבע יאַכנע —
איך איינער אַליין — אויף יענער זייט מחנה.

די מחנה די גאַנצע פון הייליקע טויער
ווערט אַלעמאָל שוואַרצער און ווייסער און בלאָער.
איך דערקאָן שוין ניט מער די הייליקע ריצער
זיי זיינען גאָר איצטער די קנעפּל־פּיצער.

מעדאַלן, ווי באָמבעס, ווי הייפּטלעך קרויט,
און אונטער די בליאַכעס — פּוטער מיט ברויט.
מיט פּוטער ביים האַרץ — דאָס האַרץ צעגייט,
דערפון קומען די רייכע, די שיינע רייד.

סטאַנפאָרדוויל, יולי, 1938

וואָס וואָר איז!

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזונגען קיין ליגן,
כ׳האָב אָפט געזונגען שלעכט;
און וואו די נויט האָט אַ ניגון
האָב איך אים אויפגערעכט.

כ׳האָב מיר פון ווערטער קיינמאָל
קיין ספּאָדיק ניט אָנגעטאָן.
אין דעם מענטשלעכן געוויין־טאָל
איז מיין ליד די סיגנאַלן־פאָן.

כ׳צעליג מיינע טעג ווי קאָרטן
אין רואיקן סאָליטער;
די בערדיקע קיניג־סאָרטן,
די קנעכט מיט שטיקער געווער.

כ׳צי בלינד פון קאָרטנפּעשל,
דאָס מזל שפּילט אויך בלינד!
מיינע יאָרן לויפן און העשן
ווי פערד אין שטורעמווינט.

און איך בין מיט עלנט אַ חבר
און איך בין דער איינזאַמקייטס מאַן
מיין האַרץ — אַ שטיק רויטער זשאַווער
ביים זאַמד פון טויטן ים...

כ׳בין טאַקע טרויעריק ווי זאַמדן
אין מדבר... אין מדבר אַליין!
עס פינקלט אין אויפגאַנג פאַרפלאַמטן
דער טוי פון מיין געוויין.

מערץ, 1943

אויף און אָפּ

דאָס וואָס איך דענק, האָב געדענקט, וועל האָבן געדענקט,
וועט זיך בייטן
מיטן פלוס פון צייטן,
וואָס פאַרשווענקט.

עס וועט זיין אַמאָל, אַז די ריינע זון
וועט שטיין אויף די אותיות מעם און נון,
און דעמאָלט וועט דער אָפּגלאַנץ פון מיין וואָר
זיין גאָלדנשיין און ריין און קלאָר.
און אויף אַ שמאָלער רגע, אַ מינוט
וועט ווערן וואָרעם אין מיין ליד דאָס בלוט.

און ס׳וועט זיין: מיין ליד וועט אונטערגיין
צי ווי אַ זון, צי ווי אַ רויטער ציגל־שטיין.
עס וועט אין שלונד פון טויט פאַרשוואונדן ווערן
אַלע פערל־שניר פון מיינע טרערן,
ביז ס׳וועט זכרון פון מיין שפּראַך
מיט מיך און זיך טון אַן אויפדערוואַך
און שטיל אַ פינטל־טון מיט שנעלן פליגנליכט,
וואָס שטאַרבנדיק עס זוכט דעם וועג צו זיך.

ווייל אויף און אָפּ, ווי פרייך פון פלוסן, עבן,
עס גייט אויף נאָכן טויט דעם דיכטערס לעבן.
דער האַרטער און דער שטילער צאָן פון צייט
ער נאָגט און נאָגט און קייט און שפּייט,
און צווישן יאָ און ניין — די ברייט פון בלויז אַ האָר
עס ליגט זיין בלויער חלום אין זיין גרויער וואָר.
עס איז די אייביקייט דער רגעס אַ קאַפּריז —
אויף געקיילטן לאָם עס פלאַמט דער גאָלד׳נער פליס *).

מיאַמי ביטש, מאַי, 1938

דער פלעק.

דער מענטש מיטן פלעק אויפן שטערן
שטייט ביים שפּיגל און מעקט די טרערן;
ער מעקט און מעקט... דאָך איז ניט דערמעקט
אין בלאָעם שפּיגל דער רויטער פלעק.

---

*) פליס — וואָל פון אַ יונג לעמעלע.

דער פלעק שטייט שטיל און קוקט אים אָן
מיט אַ זילבער־געשליפענעם אומעט,
ווי ער קוקט פון די פיר ווינקלען וועלט
אויף מיר און אויף דיר — תמיד.

נאָר ס׳בלוט פונעם פלעק, זעענדיק זיך
אין טרער געוואַשענעם שפּיגל,
האָט דורכגעברענט זילבער און גלאָז
און געבליבן קאַלט ווי אַ ציגל.

און דער מענטש מיטן פלעק איז געבליבן שטיין
אין צירקל פון זיין פאַרלאָשן געוויין,
ביז ס׳בלוט פונעם שטערן — דער קין־צייכן
האָט מיט דער נאַכט גלייך גענומען זיך בלייכן.

מיינע ווערטער

מיינע ווערטער וויינען
שטיל — צו זיך אַליין.
כ׳ווייס ניט וואָס זיי מיינען,
כ׳קען זיי ניט פאַרשטיין.

מיינע ווערטער קלאָגן
מיט צערטלעכן פאַרטרוי:
זיי ווילן אייך וואָס זאָגן,
זיי ווייסן ניט ווי אַזוי.

מיינע ווערטער שטומען,
ווי דערשאָסענע הינט.
דאָס בלוט איז אויסגערונען
און נאָס איז איצט דערווינט.

זיי קלאַפּן אין מיין שאַרבן
מיט רויטער שאָדנפרייד:
עס לאָזן מיך ניט שטאַרבן
מיינע אייגענע רייד!

עס איז ניט קיין צייט איצט פאַר לידער...

עס איז ניט קיין צייט איצט פאַר לידער,
ווען עס זינגט די נאַקעטע שווערד.
עס האַבן די צעפּ פון ירידה
פאַרפלאָכטן אונדז מערער און מער.

רומלאָזער זשאַווער פון דראָטן,
פרעסנדער גזל פון דער קייט.
פון מערב, פון צפון, פון דרום
אַן אייזערנער טויט־ווינט ווייט.

עס זייַנען די טאָלן מיט ביינער
מיט מענטשלעכע ביינער — ווייס.
עס זייַנען די טיפע טייכן
מיט גאָרגלענדע בלוטן הייס.

עס בליט די צרעת אויף די ביימער,
דער קאָלעך שלינגט אין דאָס פעלד.
די שווערד אין דער האַנט פון דער חיה
שפּאַנט האָפּערדיק איבער דער וועלט.

עס איז ניט קיין צייט פאַר קיין לידער,
די פידלען — זיי ליגן פאַרשעמט.
דאָס ליד גייט אַרום אַ פאַרשרפהעטס
און רייסט פון דעם לייב דאָס העמד.

עס שפּילן, עס קראַכן אין הימל,
די באָמבעס און זינגען פון ענד.
עס פליען צום ליידיקן הימל
פאַרשטייפטע און ליידיקע הענט.

ס'איז קיינער ניטאָ דאָרט אין הימל,
חוץ אפשר די זון אליין —

זי הערט ניט און זעט ניט און ווייסט ניט
פון אונדז און פון אונדזער געוויין.

עס איז ניט די צייט פונעם דיכטער,
זיין קרוין ליגט פאַרשעמט אין שטויב.
עס זינגען אויף דעכער די ראָבען,
אין אייגענעם בלוט ליגט די טויב.

לידער פון איבערטראַכט

דאָס איזן
איז אַזוי שנעל,
ווי אַ לויפנדיקע, שטויבשליידערנדיקע, ערדרייסנדיקע באַן,
מיט שפּליטער פון קוילנפייער, רויך, שאָטן און פלאַם.

דאָס האָבנגעווען —
איז אַ באַלויכטענע שויב אין אַ שטיינגעבליבענער נאַכט:
אַמאָל אַ באַרג,
אַמאָל אַ טאָל,
שטענדיק ווי צוויי קאָקאָ־ניס־העלפטן, פול מיטן מילכזיסן סאָק פון
בענקען.

ביים האָבנגעווען —
שטייסטו מיט די הענט אין קעשענעס, מיט אַ לאָק אין ווינט
ביים פלייטנשטאָכעט פון אַ מאַרעלנגאָרטן,
מיטן לבנה־האָקן פאַרשייט אויפגעהאַנגען
אויפן לאַכנדיקן אַקסל.

ביים איזן
לויפסטו פאַרגאַפט, פאַרכאַפּט אין אַ סעריע רעדער,
אַנגעשטאָכן, ווי אַ יאַזש מיט
שפּער־שווערדן פון עקזיסטענץ, וואָס רעגענען אויף דיר
פון אַלע זייטן:
פאַלנדיק, אויפשטייענדיק, שרייענדיק, לאַכנדיק, זיכאַנכאַפּנדיק
מיט דערשראָקענע הענט אין ציין פון לויפנדיקע רעדער.

דאָס איזן
איז דער רייסנדיקער פרילינגשטראָם
וואָס מאַכט חרוב, ווען ער באַלעבט.

דאָס האָבנגעווען
איז דער שטילער, שטייענדיקער מוטנער טייך,
אָבער וואָסערע שנעל־געלע ליליעס שטעקן דאָרט
די פויסטלעך אַרויס אין אַ האַלאָ!

יידיש

כ'זינג פאַר יידן יידיש,
כ'בין אַ יידיש קינד;
און מיר איז דאָך אַ חידוש
דאָס לשון וואָס איך זינג.

איך קער מיך מיט קיין ווערטער
ניט אָן קיין סך, קיין סך.
כאָטש צאַרט און צאַרט און צערטער
ווערט אַלע טאָג מיין שפּראַך.

איך ווייס ניט וואָס עס בריט מיך,
איך ווייס ניט וואָס עס ברענט;
אַ פייער־דאָרשט פאַרלענדט מיך,
פאַרברענט מיך ביז דער שפּענט.

איך לייג קיין תפיל, קיין טלית.
און בענטשן בענטש איך ניט;
באַשניטנקייט אין אַלעס
מיט וואָס איך בין אַ ייד.

די קראַנצן, ווילדע, שווערע
פון דערנער רוי און גראָב. —
דערוואַרגן ניט מיין שטערן,
און בייגן ניט מיין קאָפּ.

אַ שטיקל הויט. שוין שטויב איצט —
צי זאָל דאָס זיין מיין אַרב —
אין שעה פון לעצטן אויפבליק,
ווען ערד און הימל שטאַרבט?

דאָס גאָלד אויף מיינע שילדן
פון די שלהבת־יחס —
פאַרוואַקסן דיק מיט ווילדן
שטעכעדיקן גראָז.

איך זע אַ שיין אַ גרויסע
איך ווייס ניט, רויט צי שוואַרץ;
דאָס רינט מסתמא אויסעט
דאָס בלוט מיר פונעם האַרץ.

די קלויז און קירך אַצינדער
האַלטן גלייך מיין וואָג;
עס וועגט ניט מער, ניט מינדער
אויך די סינאַגאָג.

בין אָפּגעשיידט פון קוגלען,
פון זמירות בין איך וויט,
אַ דאַנק מסתם מיין וואָגלען
אין גרינער איינזאַמקייט.

מיין וועלט איז נאַקעט־באָרוועס
און איך — אַ שטרוי אין ווינט;
וואָס קלעבט צום לאַטש פון קורוועס
און קלעבט צום שיך פון קינד.

ס'איז אַלעס אין הפלגה,
ס'איז גאָרנישט־ניט ניט קלאָר;
כ'וואָלט איר קאָפּ פאַרצוואָגן
מיט קאַם פון זהב טהור —

האָט היינע שוין געטאָן עס
זינגענדיק דערביי;
מיט פלאַטערדיקע פאָנען
פאַר גרעטעל־לאָרעליי.

איך קער מיך אָן — מיט וועמען?
און ווער איז מיינס — אָ, ווער?
איך לאָז אַראָפּ די ברעמען,
און ס'פאַלט אַראָפּ אַ טרער.

דער בלישטש פון קופּער־העסעס,
פון שבת־לעכט דער שטראַל —
פאַרמישט מיט שפּעט־נאַכט־מעסעס
אין ווינער קאַטעדראַל.

פאַרבינדן בלויז פאַרבינדט מיך
מיט אייך — די רויטע וואונד;
די וויסטע פּיין וואָס שינדט מיך
און פרעסט מיך ביז צום גרונט.

און וועמען בין איך נייטיק —
איך עלנט שטיקל שטיין?
ס'איז יידיש בלויז מיין ווייטיק,
ס'איז יידיש — מיין געוויין.

אומרו און אָפרו

איך בין קיין אַמבאָס ניט, קיין האַמער בין איך אויך ניט,
נאָר צווישןביידע ליגט מיין לעבן — רויט־צעגליט.
און ווען דער האַמער שלאָגט אין רויט־צעגליטן האַרצן,
צעקלינגט זיך העל און טרויעריק מיין ליד.

מזרח־מערב

אין מזרח ברענט דער הימל,
אין מערב איז ער קאַלט;
עס בייט די ערד איר וועכטער
און טראָגט אין פויסט איר קוואַל.

דער קוואַל, וואָס איינציקפּלאָמיק
פאַרשלינגט די צייט און — זיך.
מענטש און וועלט צוזאַמען
בלוטן־אויף אין ליכט.

ס׳איז גוט. די ערד אַ האַרטע
ליגט זיכער פאַר דיין טראָט.
דער הימל אין זיין צאַרטקייט
פאַרברענט זיין לעצטן גאָט.

אין גוטן מוט פון שייטערס
דער מזרח קוועלט און לאַכט,
ווי ס׳וועט שוין קיינמאָל ווייטער
ניט קוילען אונדז די נאַכט.

אין מזרח ברענט דער הימל,
דער מערב שלאָפט אין גרוי;
עס בייט די ערד איר וועכטער
אין בלוטפּאַראַד פון טויט.

נאָר מיר, די קליינע קינדער,
מענטשן פון דער וועלט —
מיר שפּילן זיך מיט שפּינדלען,
וואָס ברענען אין די הענט.

מיר קעמפן און מיר קלערן,
מיר לאָזן זייפנבלעז,
און גיסן נייע טרערן
אין אַלטן ערד־געפעס.

מיט ביכער

מיט ביכער בין איך פרייער, ווי מיט מענער.
מיט ביכער בין איך היימיש, ווי מיט פרויען.
צווישן ביכער ווערט מיין גאווה קלענער,
יאָ, ביכער קען איך טאַקע אָנגעטרויען.

ביכער האָב איך טאַקע ליבערשט אויכעט —
ווי די רויע, ניט־אָנטפּלעקטע מענטשן.
ביכער זיינען שטילע ייִדענע רויכעס,
ביכער זיינען גאָלדענע פּאַרענטשן.

ביכער רעדן אויף דיין וואונק און ווילן,
זיי פּלאַפּלען ניט ווען עס איז דיר נמאס.
ביכער קענען פלוישן שטיל און שטילער,
קענען שווייגן הויך, ווי די זאַמדן פלימוטס.

ביכער זיינען דיינע פריינט די בעסטע —
מיט זייער טרייקייט ביסטו שטענדיק זיכער.
צווישן מיינע פריינט די סאַמע גרעסטע
האָב איך עטלעכע — דאָס זיינען ביכער.

אַז כ׳האָב אָנגעשמועסט צו־זאַט זיך שוין מיט אַלע —
פאַרברענגט מיט זיי שטונדן, שטונדן, שטונדן,
עפענען זיך אין מיר ערשט דעמאָלט קוואַלן
פון אומרו און פון גרויסן וואונדער.

איך טראָג אין זיך קייסאָרים, קנעכט און ריטער,
איך ווער אַליין אַ בוך מיט וואונדער־מעשות:
מיט הייסן גאָלד בין איך אַן אָפּגעבריטער,
איך קיל מיין בלויע וואונד מיט וואונדער ווייסע.

אייביק

עס ווינקלען די אייביקע מילכן
צו פונקען פון קאָסמישן רויג.
קלאַנגען אומהערבאַרע הילכן
פון אייביקייטס זויג.

וויעס פון צוקונפטס דערשראָקענע
פינטלען מיט צירקל פון ליכט.
פויסטן אַזוינע גין־גלאָקענע
קומען אין שטראַלענע שיך.

הערצער ווי בלוטיקע בלומען־בינט,
הענט פון פאַרדאָרנטן צווייג —
זיי מעסטן די לענג פון שטומען ווינט
מיט ווייסיקן שטילגעשווייג.

דאָס גאָרניט טאָן איז זיס...

דאָס גאָרניט טאָן איז זיס,
דאָס גאָרניט טראַכטן זיסער.
איך קוק אַרויף צום בלויען סקלעפּ —
עס לאַכט אַ קלוגער קאָפּ, אַ ליסער.

אונטן איז דאָס שטילבלעך דאָרף, דאָס ווייסע:
שטיבלעך, ווי מחנות אויף דלאָניע פונעם טאָל־פעלד.
איך ווייס ניט, ווי די אַלע קוויטקעס דאָרטן הייסן,
איך ווייס נאָר, איך בין שיכור פונעם גאָלד־געלב.

ווי האָרפּלאָקס געלב אָדער עלפאַנטביין
עס איז דער זייגער פיר מיט גאָלד באַגלאַנצלט.
די בינען אין דער רויז, די פליגן אין דער זון
פאָרן זיך אין לופט און טאַנצן.

ווי ענדלאָז שטיל. שטרענגסט אָן דיין אויער
צו הערן, צי איז וועלט נישט שטיינגעבליבן.
דער ציפּערבלאַט אַליין, געוואָרפן אין דער הויך,
ער ווייזט די צייט, וואָס איז פון ערד פאַרבליבן.

איך רו מיט ביין און זעל. ס'איז ווייס אַזוי דער שטרייט.
דאָס גאָרניט טאָן איז זיס, דאָס גאָרניט טראַכטן זיסער.
די וואונדן מיינע, אַזוי בראַנדיק בלוי.
עס שווענקט די שעה מיט איר שטראַל־געוויסער.

סטאַנפאָרדוויל, יולי, 1938

שול־קינדער

אַז איך זע אייך, קינדער, פון די שולן גיין,
זע איך אויף דעם שול־וועג זיך אַליין,
מיט אַ פּעקל ביכער און מיט שרייבגעצייג
און אַ לאַנגער ווייסער קאַרשנצווייג.

אַז איך זע אייך, שעפעלעך, קומען פון דער פּאַשע,
זע איך זיך אַלייןביים חומש און ביי רש״י.
קומט מיר אינעם האַרצן אַ בענקעניש, אַ טע,
נאָך דעם ווייסן ציגעלע, נאָך זיין קלוגן מע...

איבער אַלע ראַנגלס און איבער אַלע איצטן
כ'הייב מיך אויף אויף שטילע פינגער־שפּיצן —
כ'קוק אַריבער ווייט צום ברעג פון זלאַטאָ־ליפּע:
טעג פאַרגאַנגענע זיצן דאָרט און כליפּען.

נאָך הער איך איצט מיין זיידנס קול דאָס ליבע:
„דאָס, וואָס דו ביסט יונג, איז גאָרנישט, ס'וועט אַריבער"...

מאָנטרעאַל, נאָוו. 1938

פון קבר

זי האָט ניט געוואָלט זיין מיט מיר אונטער איין דאַך,
איך האָב ניט געוואָלט זיין מיט איר אונטער איין הימל —
איצט ליגן מירביידע אינדערזעלבער ערד
איינגעשטיינערט אינדעמזעלבן דרימל...

עס איז צו אונדז ביידן דער הימל אַ דאַך,
און עס טיילט אונדז קיין וואָרט וואָס איז וואָרעם —
און אויף אָפּגעקילטע שטערנס טרעט —
דערזעלבער פוס פון אומבאַרם.

ס'איז דווקא גוט, וואָס אַזוי איז די זאַך:
אַז דאָס וואָס פאַרלעשט ווערט פאַרלאָשן.
מיר שלאָפן דאָך אַלע אונטער איין דאַך:
יעדער צייט, יעדער פאָלק, יעדער לשון...

און איר, וואָס איר טרעט מיט זיכערע טריט
אויף קברים און בלימלעך בלאָע —
איר טאָרט נישט פאַרגעסן אויף איין מינוט,
אַז אויך איר וועט דאָ מיט אונדז רוען.

מיאַמי ביטש, פלאָרידע, פרילינג, 1938.

פאַר דעם מענטש פון מאָרגן

אין גרויעם אינדערפרי שטיי איך אויף,
צינד ס'לאָמטער אָן
אין דער קאַלטער שטוב
און כ'מאַך דאָס בעט אויפסניי.
אַזוי זאָרגפעלטיק
ווי כ'האָב עס קיינמאָל פאַר מיר אַליין ניט געמאַכט.
פרעס־פרישע ליילעכער און קאָפּציכן
און דעקעס — וואָלענע, געלופטערטע, ווינט־שמעקעדיקע.

אַלע קנייטשן אויסגעגלעט
ווי אַ מיטליעריקע פרוי גלעט אויס מיט די פינגער
די קראַנעווינקלען אויף איר שטערן,
אַז זי גייט באַגעגענען איר געליבטן...

אין דער מילכגרויער פינצטערניש,
ביים דראָזש פון אַלע מיינע ביינער,
ביי קלאַפנדיקע ציינער,
ביי אויגן אָנגעשיט מיט שוואַרצן שניי פון שלאָף
מיט פינגער בלוטנדע, פליכט־וויסנדיקע;
מיט אויפגעטרענטע ליפּן
אין אַ שמאָלן ביטער־קאַלטן שמייכל
פון אַ פאַרגייענדיקן שטראַל —
גיב איך דער דעקע אַ לעצטן גלעט
איך צערטל אַרונטער די ליילעך־זייטן,
מאַך אַ זשמעניע־טיפן איינקנייטש
אין פרישן שמעקנדיקן קישן.

אויפגעריסן פון נישט דערשלאָפענעם שלאָף
דורך דער האַנט פון ספק און אומרו,
גרייט איך, אין לעצטן דורכזיפּ פון די וואַסערדיקע שטערן,
דאָס ווייכע געלעגער
אויף וועלכן דער קעניג — דער מענטש וועט ליגן
און האַלטן דאָס באַשטראַלטע פּנים
און האַלטן די זשומענדיקע שלייפן
(פול מיט חכמה און טויט־און־לעבנסמוט)
אויף דעם קישן וואָס איך האָב זאָרגפעלטיק פאַרבעט.
כאָטש מיט אַ פאַרסמטן טשוואָק אין אייגן האַרץ!
וועט אַ שטערנבליענדיקע נאַכט געדענקען,
אַז דאָס האָט מיין האַנט געהאָלפן דאָס בעט גרייטן
פאַר דעם גרויסן גאַסט — דעם מענטש פון מאָרגן.

מיד

אוי, מיד בין איך און הייזעריק
אין ווינט אַריינצושרייען.
איך ווייס ניט צי וועט אָטעם נאָך
צום לעצטן אויסשריי סטייען.

איך קוק מיך אום: אַ פינטל רויך,
אַן אָנזאָג פון געפּאַרן,
עס רוקט פאַרדעכטיקט זיך אין לופט
אַ שווערבלדיקע כמאַרע.

דער בליץ, וואָס ליגט אין ווייסער שייד
ער רירט זיך שטיל, פּאַמעלעך,
עס וועט באַלד געבן אַזאַ פליייץ
מיט האַגלשטיינער — הערלעך!

און גאַז וועט שטיקן מענטשהייטס שנויץ
פון אונטער חזיר־מאַסקע —
אין דראָט וועט זשאַווערן דער פלויט
מיט פלייש און בלוט און שאַשקעס.

איך זע דאָס אַלץ אין קאַלטער אַנגסט
אויף ווייזערס פונעם זייגער,
איך רייס די צלמים פונעם פעלד
די שטיינשווערדן פון קבר.

איך שליידער הויך, איך שליידער ווייט
דער „גאָטהייט" אירע צייכנס —
זיי פאַלן קריק אויף מיינע פיס
הילפלאָז, אומדערגרייכטע.

איך רייס אַרויס פון ברוסט מיין שטיין,
איך קלאַפּ אין אַלע טירן.
ס'איז שטיל — מ'הערט קיין ענטפער ניט,
ס'זאָל כאָטש אַ טיר זיך רירן!

די קליאַמקעס זיינען אַלע קיל,
די קליאַמקעס בלייבן שטומע:
עס האָט די שלאָפנדיקע שטאָט
מיין נויטשריי ניט פאַרנומען.

איך רוף אין טיפער נאַכט: „עס ברענט,
ס'איז ביז צום האַלדז די שׂרפה!"
מיר פאַלן שטיל אַראָפּ די הענט
און ליפּן ווערן שטייפער.

עס וועט דער ווינט מיך טראָגן באַלד,
אַ קאַלטע האַלאַוועשקע,
נאָר גיסן וועט זיך בלאָנד דער וואַלד
אויף אַלע גרויע סטעזשקעס.

אין געיעג נאָך רו

אין דער פאַרבונג נאָר דערקענסטו
דאָס פאַרהוילסטע, דאָס פאַרבלענדסטע.

אין דעם גלאַנץ, וואָס פליסט אין דיר,
ווי דער שוים אויף גאָלדן ביר.

זשומען בינען, זוכן זיסשאַפט,
רוישן פליגן, זוכן ליבשאַפט.

סקריפּען שטרענג די דונער־שיף
און די בליצן שפּריצן ליכט.

און פאַרוויקלט און פאַריאָגט
איינזאַמס אייזנקאַם אונדז צוואָגט.

פון דער קייט זיך רייסט דער מאָרגן
איינגעפלאָנטעט, האַלב דערוואָרגן.

לעקט דער היינט זיין הייסע וואונד
מיט אַ בלויער, ריינער צונג.

און מיר אַלע מיט געזיכטן,
טאַפּנדיק דורך בלאַנדזע־ליכטן,

פאַלן צו דער פעלז־וואַנט צו
אין געיעג נאָך טראָפּן רו.

ווענט

ווי אַ שווערד אַ צעבראָכענע
מיין ליד זאָלט איר פאַרוואַרפן,
ווען איר וועט עס שוין
מער ניט באַדאַרפן.

אַז איך טראָג ביינאַכט צום אָפּרו
מיינע הענט,
פיל איך,
אַז עס גייען אויף מיר
ווענט —
און שווער אַזוי עס ווערט
און ענג.

דורות שטומע הינטער דיר, ווי שווערע
ווענט
און פאַרנט, דאַכט זיך דיר
אַ בריק, —
וואָס ברענט.
די יאָרן קומען אָן
מיט אַש־זעק אויף די לענד,
פאַרגליווערטע אין גראַטעס
און אין פענט.

פון קאַזאַרמע־פעסטונג פליט אַרויס
דער מאָרד אַליין,
זיין בראַנד־איזן געצילט אויף מענטשנס
נאַקנביין.
ווענט מיט קייטן, וועלכע שוויצן,
איינגעשמידט אין בלוט —
געפלאָכטענע אַגאָניעס
פון בייטשן און פון קנוט...

איז שווער אַזוי, געבויגענע אין האַס
צו זען פון ווייט
דעם ליכטיק־רויטן בליאַסק,
איז שווער צו קלויבן פערל,
שאָלעכטס — פאַרן וואָרט.
ווי אַ קאַץ אין זון, זיך וואַרעמט אַ פאַרלאַנג:
פאַרקריכן אינעם אויער פון וועלט
און אַ געשריי טאָן: „מאָרד!" —

איז שווער אַמאָל אין רגעס,
ווען ס'האַרץ איז איינגעמידט
צו פאָכן מיט דער פאָן
פון אונדזער גרויס,
פון אונדזער הערלעך ליד!

דער וואַנדערער

אַ טאָרבע, אַ שטעקן און איך אינדערמיטן,
מיר דאַכט זיך, ביים סוף שוין פון וועג.
באַשוויגן, באַשוואוירן מיט טונקעלע שטיינער,
מיט מאָכיקער שטומקייט פאַרוועבט.

עס ריזלט צופוסנס אַ טייך־שלאַנג אַ גרינע,
לויפט און פאַרלויפט זיך דעם גאַנג,

אַ פליג אויף אַ ציטעריק צווייגל דערטרינקט זיך
און ברילט מיט אַ פאַרכטיק געזאַנג.

ס׳גייט־מיט מיט מיין אויג דאָס רינענדע וואַסער,
באַלייט מיך צום אָונט אַרויס,
אַ לאַמפּ אויף מיין פענצטער ברענגט מיר אַ בשורה
פון מיין געשענדעוועט הויז.

איך ריר מיך: עס שיטן זיך שטיינדלעך,
דערוואַכטע פון אייביקן שטום,
באַשמעקן די שטויבן ביי מיר אויפן קנאַפּל,
רינגלען מיך הינטיש אַרום.

און פונקט ווי די פליגן אין גלאָז פון אַ לעמפּל,
עס שווּבלען די זאַרגן אין זעל.
און פונקט ווי עס פינטלען די אייביקע ליכטן,
עס פינטלט מיין אומרו ניט העל.

און ווידער מיט שטעקן און ווידער מיט טאָרבע,
איך נידער פון פעלד־וואַנט צום טאָל:
עס מאַניעט די בלאָסע, די אייביקע סטעזשקע
קריק צום זאַמדיקן, וויטן אַמאָל...

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, נאָוו. 1938

פאַרלייג די הענט

פאַרלייג די הענט, פאַרלייג זיי אויף די קני
און לייג די קני איבער אָט אַזוי.
צו וואָס די מי, וואָס מענטשן טוען מיען,
אַז וועלט איז בלויז אַ שויפענצטער, אַ שוי?

גוטס און שלעכטס איז בלויז דערווייליק,
ס׳וועט מאָרגן קומען בעסערונג, צי ענד?
דערווייל גיי פּאַוואָליע, גיי ניט איילִיק
און פיל מיט עפּעס אויס די פּוסטע הענט.

ניט רוק אַריין אין פרעמדע רייד די אויגן,
פון אייגן מויל לייען דיין גליק אַראָפּ.
וואָס קען אַ פּרעמדער גאָט אַ פרעמדן מענטשן טויגן?
וואָס נוצט דער ווייַן אַ לעכערדיקן טאָפּ?

ווי אין אַ גרויסן טויער אַ קליינטשיק טירל:
דאָס ערשטע פאַר די פערד, דאָס צווייטע פאַר אַ גאַסט,
אַזוי זאָל זיין פאַר דיר דיין גליק־שפּאַצירל —
דורך שמאָלן אָפּנייג פון דער ברייטער גאַס.

פאַרלייג די הענט אויף דיינע שטילע קניען,
דיין שטעקן שטעל אַוועק אין ווינקל פון די טעג,
און לאָז די וואָלקן־שאָף זיך שטיל אַריבערציען
און ווער ניט מיטגעריסן, אויפגערעגט.

דאָס זיסע לעבן, דאָס הימליש־פּאַסטאָראַלע
גיט קיין קיין וואָל ניט און קיין שאָפּן־פעל.
און פאַשעסטו דיין זעל אויף הימל־שטראַלן,
פאַשעט זיך דער פרידן ביי דיין שוועל.

דו אָטעמסט איין דאָס טיפע איבערטראַכטן
פון שאָטנס־שאָטן, דין צעמאָלט אויף זאַלץ,
און די קעסלפּויק פון ווייטע שלאַכטן
קלאַפּט אין שליף ביי דיר, ווי האַגל, קאַלט.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., יולי, 1938

אַ שמייכל דורך טרערן

קריטיקירן סטראַדעוואַרן
דאַרף מען — אויף אַ סטראַדעוואַר

אָבליוויאָן

פון אַלע ענגלישע ווערטער
וואָס איך קאָן —
דאָס סאַמע שרעקלעכסטע:
„אָב־לי־ווי־אָן״!

איך האָב געזען אַמאָל אַ פרוי,
מיט איר פאַרצייטישער שלעפּ
מיטשלעפּן אַ מייזעלע אַ טויטס
איבער אַלע טרעפּ.

אָט אַזוי זע איך מיין נאָמען
ביים „שלעפּ״ פון דער צייט,
איבער די פילע טרעפּ
געשלעפּט. דערנאָך באַפרייט.

אָט אַזוי זע איך מיין נאָמען,
וואָס טוט זיך צו מיר טוליען,
מיט פרוי אָבליוויאָנס גאַנג
איבערן צייט־ראַנד זיך קוליען.

דאַקעגן ציניקער לאַכן
זיך דערמאָנען אין עפּעס דאָרט...
איז אָבער ס׳גליק וואָס אין פייער
איז געבוירן מיין איטלעכס וואָרט.

איר קאָנט דאָס ניט פאַרברענען
ווייל עס איז פייער אַליין,
איר קאָנט עס בלויז צעשמעלצן
אין גרעסערן פלאַקערשיין —

פון וועלטן וועלכע ברענען
און באַלייכטן זיך לאַנג־לאַנג
דעם וועג צו זייער אייגענעם
ליכטיקן אונטערגאַנג...

פּיבאָדי, מאַס., סעפּט. 1936

אויף דעם רויטן טויטן קוימען

ס׳איז מיין פּאַך ניט בלוטפּאַרקילונג,
גרויל און שטוין איז ניט מיין פּאַך.
אָט די פּען, אַז גאָט באַוויליקט
שליידערט פיילן אויפן דאַך.

פון אַ פּאַלנבויגן־רעדל,
אָנגעצויגן שטייף און פעסט —
שפּריצן פיילן אויפן לעדל
פון דער טויטער בוידעם־נעסט.

אויף דעם רויטן, טויטן קוימען
אָן אַ פלאַם און אָן אַ פונק —
אין די אויסגעשטאָרבענע רוימען
טוט די פייל זיך אַ פאַרטרונק.

ווען די פייל איז אויסגעשאָסן,
האָט און בויגן בלייבן שלאָף —
און די ערד אין ווייסער ראָסע
שלומערט אין איר שלייערשאָפּט...

באַשרענקט

צווי נאָר אויגן האָב איך,
אויף טויזנט בין איך בלינד;
קום, מיין פריינט, הערַאַקליט,
זע, ווי אַלעס רינט!

צוויי בלויז אויערן האָב איך,
אויף טויזנט בין איך טויב;
און ס׳טראָגט דאָך אַ סימפאָניע
פון יעדער זערנע שטויב.

צוויי דאַרע פיס נאָר האָב איך,
אויף טויזנט זוך איך גליק;
שוין צען מאָל אויסגעוועזן
די וועלט — אַהין און קריק.

איין וועלט בלויז פאַרמאָג איך
און טויזנט בלישטשען הויך,
אַחוץ די עלף טויזנט
וואָס פינטלען אין מיין מוח.

דער הונט

ביי מיין חבר אויף דער פאַרם
שטייט אַ הינטישער זשאַנדאַרם.

נאָר ער וואַרט און נאָר ער היט —
און קיין מענטשן זעט מען ניט.

ליגט ער — מיט דער צונג אַרויס,
און ער היט דאָס שטילע הויז.

ליגט פאַרהונגערט און פאַרשמאַכט,
נאָר ער היט און נאָר ער וואַכט!

טוט פון צייט־צו־צייט אַ ביל,
און — פאַרשעמט זיך און ווערט שטיל.

ווייל קיין מענטשן זעט מען ניט
און מען הערט קיין מענטשנטריט.

ווערט אים אומעטיק, דעם הונט,
און עס ברענט אין אים אַ וואונד.

היטן — היט ער. אָבער וואָס ?
ס׳איז אַ שאַנד נאַר, אַ פאַרדראָס !

און אַ גרויסע פרייד דערוואַכט
ביי דעם הונט, וואָס שטייט פאַרטראַכט.

און ער בילט אויף מיר פאַרשייט,
און ער רופט די פריינט פון ווייט.

האָב איך מיטלייד אויף דעם כלב.
ס׳איז דער זייגער — זייגער צוועלעף.

לאָז איך אים מיר טון אַ ריס,
טון אַ שלעפּ און טון אַ ביס.

און איך טראַכט : — „אַ, גאָט, מיין האַר !
ס׳איז דאָך אויף דיין הונט אַ צער :

— „גיסט אים צאָרן און פאַרדראָס
גיב אים אויכעט אַ „פאַרוואָס״.

איך און מיין פידל

אַז איך שפּיל אויפן פידל : פידלדי, פידל־דו,
קומען מענטשן, ווי כוואַליעס, אַהער צעצו.
איך דריק ביי מיין פידעלע
דאָס העלדזעלע צו :
כליפּעט עס העכער
פידלדי, פידלדו.

איך ציפּ עס ביים האַרצן:
דין־דין און דין־דין,
אַ גזלן אַ ווּיסטער
אַזאַ וואָס איך בין.

איצט הייב איך עס העכער
צום אָקסל צו:
איז וויינט עס אין אויער
פידלדי, פידלדו.

ביינאַכט אַז מיר קומען
ביידע אַהיים,
איך און מיין פידל
מיר ביידע אַליין,

מיר ביידע אַליין
מיט גויט און מיט נאַכט
אין צערטלעכע צאַרטן,
אין זעכטלעכסטן זאַכט,

איז קלינגען און זשומען
אַרום אינעם רוים.
פּאַרקופּערטע טראָפּנס
פון מיטלייד־בוים.

ס'איז דאָ ערד, ס'איז דאָ הימל,
נאָר ניטאָ איז קיין רו.
שפּיל, פידעלע, טייערס,
פידלדי, פידלדו.

הוד־מלכות האָט היץ

דער דאָקטאָר שטייט
מיטן גלעזערנעם פעינדל
אין האַנט.
לעבן אים
אָנגעטון אין גאָלדן געוואַנט
האַלט אַ ליידיקע טאַץ אין האַנט.

אין בלויען וואַרט־זאַל
זיצן אַמבאַסאַדאָרן,
אין פראַק און ווייסע האַנטשו
און רעדן, ווי פייגעלעך
מיט בייגל־וואָנצעס
אויף די פאַרשנורעוועטע
פּיסקעלעך.

דער דאָקטאָר האָט שוין
זיבן מאָל
דעם קוועקזילבער געשאָקלט,
שטייט ער ערפאַרכטיק
פאַרן הייסן קעניג
מיט דער לינקער האַנט ביים האַרץ,
איידל געבוקט
און זאָגט אונטערטעניק:
— „וויל מאַיעסטעט אַזוי גוט זיין
און ס'העמד פאַרהייבן?"

די קייסעריניע זיצט
אין פּיאָלעטענעם טרערנצימער
און וויינט.
צוויי קליינע פּאַזשן
ווישן איר אויס די אויגן
מיט פּורפּורנע האַנטעכער.

קלוג־פּאַרטיפּטע
אַלטע לייט,
שטייען איבער דיקע רייסטערס
און פאַרשרייבן
אַקוראַט די צאָל
פון דער קעניגינס
גאָט־געבענטשטע טרערן.

און דער דאָקטאָר
פּלאַסטערט־אויס דעם גאָט־געבענטשטן פּופּיק
פון דעם הייסן קעניג.

שבייסינאַכטס אין קוויבעק

מאָנאַסטירן זעכציק
אין דער שטאָט קוויבעק.
שוואַנגערדיק און לעכציק
קלינגען הונדערט גלעק.

מאָנאַכן און מאָנאַכעס,
ווייס און ברוין און שוואַרץ,
אויב ס׳איז פינצטער מיטוואָך,
איז שבייסינאַכטס — גוט שוואַרץ.

די יידישלעכע גוטוואָכס
אַנטשפּענסטערן דעם שפּענסט.
עס גליטשן שאָטנקעצלעך
אַראָפּ זיך פון די ווענט.

אַנטשאַבעסן, אַנטפּלעקן
פון וואָך דאָס הוילע לייב,
מיט אַלע מיאוסע פלעקן
פון אומבאַפלעקטן ווייב.

אַנטפּלעקן און אַנטהוילן
דאָס הוילע לייב פון וואָך
מיט זיינע דאַרע ביינער
און פּלייצעס אונטעריאַכט.

וויטעניש׳ן פּוסטע
אין דעם וויטן העק —
צלם־צוג געראסן
אין פּראָווינץ קוויבעק.

די אַלטע ציטאדעלע
היט דעם סאַנקט לאָרענס,
בלעטלעך רויטע, געלע,
שלעפּעריק אין טענץ.

אָפּגעבראָנזטע שמאַטעס
די געבערג — לאַזור.
ס׳פליגלט, נאָר עס רעשט ניט
דער לאַנגער פויגל־שנור.

איך גיי אַרום אין פעסטונג,
באַטאַפּ דעם רויטן ראָסט:
אויף טויער גרויסן — גרעסטן
אַ פּיצל הענגל־שלאָס.

ווי אַ העמב אין מיטן,
די צווייגן — אויסגעוועבלט —
דער זייל, וואָס שטייט צו היטן
די דורותדיקע ווענט.

אַ גלח, לאַנג־באַבעקעשט,
שמעקט טאַבעקע און ניסט,
ער פּוצט מיט שוואַרצן בגד
אָפּ די שוואַרצע פיס.

די גרויע קאַרדינאַלן
אין קאַרדינאַלן־רויט —
זיבן שוואַרצע שאַלן
אויף בלייכער פרויענהויט.

עס שפּאַנט אין טיפן אַנדאַכט
אַ פרוי און ציילט די קרעל:
אין אירע אויגן — פרומקייט
פון פרעמדער, בלאָער וועלט.

דער קראָען־שנור פון אויבן,
אַזוי ווי אַ געזימס,
פלאַטערט אין די שויבן
אַהין, אַהער — אַהין.

קוויבעק, קאַנאַדע, אָקטאָבער, 1938

דער קעניג און דער פּאָעט

דער קעניג האָט אַ קרוינדל
פון דימענטן אַזש בלוי.
איך וויל ניט זיין קיין קעניג,
ס׳איז דימענט־גלאַנץ מיר ווייניק,
איך וויל אויף שפּינוועבס — טוי.

דער קעניג האָט אַ ליולקע
פון געלן מעיערשאַם.
איך וויל ניט זיין קיין קעניג,
מערשאַם איז מיר ווייניק,
איך וויל דעם שוים פון ים.

דער קעניג האָט אַ טאָכטער
מיט צעפּ פון רויטן גאָלד.
כ׳וועל בעטן ביי דעם קעניג,
אים זאָגן אונטערטעניק:
איך האָב דיין טאָכטער האָלד.

איך וועל זי נעמען תיכּף
אַט ווי זי שטייט און גייט;
יאָ, אַן אַ האַלבן פעניג
וועל איך זי נעמען, קעניג,
וואָס טויגן דאָ די רייד?

קענסט האַלטן אַלע אוצרות:
קרישטאָל, רובין, דימאַנט,
קענסט האַלטן אַלץ, מיין קעניג,
קענסט נעמען מער — אויב ווייניק,
מיר — גיב דיין טאָכטערס האַנט!

איך האָב פאַר איר מתנות
(פרעג ניט וואָס עס קאָסט!)
כ'האָב שניי וואָס ערשט געפאַלן,
באַשטראַלט מיט זונענשטראַלן
און אויף די שטראַלן — פראָסט.

ווערסט קומען אונדז באַזוכן
אין אונדזער היים אַריין,
איז ווערסטו זיין ווילקומען:
פאַרקלערטע שויבנבלומען
פאַרבעטן דיך „אַריין!"

ווערסט נידעריק זיך בייגן —
(אַראָפּנעמען דעם הוט),
די הייסע קאַווע זיפּן
און מאַכן מיט די ליפּן,
און זאָגן: „אַי, ס'איז גוט!"

אַן קרוין און אַן פּאַלאַצן,
אַן וועכטער, אַן געווער.
דריי גלייכע פּאַניבראַטן:
צו איר — אַ טרייער טאַטע,
צו מיר — אַ פיינער שווער.

דו וועסט דיין אָמט פֿאַרגעסן,
דיין קעניגלעכן קלאַס.
מיט צעפּטער ניסלעך קנאַקן,
שטיל אָנבלאָזן די באַקן
און מאַכן „פּוטיעמבאַס!"

די שווערד וועט בראָקן לאָקשן,
די קרוין פֿון קעניגס קאָפּ —
וועט קומען אויך צו נוצן:
שטאַט טעפּ אַ האַלבן טוצן
איין גרויסער לאָקשנטאָפּ!

און אַז ס'וועט אָונט ווערן
און שטערן וועלן זיין,
דאַן וועלן מיר אין דרייען
אַרויסגיין זיך פֿאַרטייען —
אין בלאָען שטערנשיין.

און וועט אַ שטערן פֿאַלן —
פּלוצים אין דער נאַכט,
ביים שיין פֿון גאָטס לאָמטערן.
מיר דאַנקען אים, וואָס שטערן —
פֿאַלן אַזוי זאַכט...

דערנאָך עס וועלן ליבלעך
זיך אָנגעמען זעקס הענט,
לאַנגזאַמלעך שפּאַצירן
דורך טויער און דורך טירן
צו אונדזערע פֿיר ווענט.

און דאָרטן אינעם שלאָס־זאַל,
וואו קעניג־שטול שטייט פּוסט —
וועט אונדזער פֿאָטער־קעניג
אויספּעלן גאַנץ ווייניק...
מען קעניגט ווייל מען מוז!

איז וואָר־זשע וועט רעגירן
איבער לאַנד און לייט ?
ס׳וועט קיינער ניט רעגירן,
עס וועט אַליין זיך פירן
די קלוגע מענטשנהייט.

עלית — נשמה

ביינאַכט, ווען מיין נשמה קומט
צו די שערי־רחמים,
געדענקט זי נישט
וואָס זי האָט צו זאָגן,
און זי אירצט ניט גאָטס פּעטער,
וואָס שטייט ביי די טויערן,
אין אַ בלעכענעם פוטער
און שלינגט בלינצעס דורכן אויער.

און מיין טייערע
און איינאונאיינציקע פאַרשעמטע נשמה
זאָגט ניט און דערמאָנט ניט אַ וואָרט
וועגן דעם, אַז גאָט איז איינער
און ווייטער קיינער.

נאָר זי ווייזט מיטן פינגער אויפן כסא־הכבוד
און פרעגט, צי איז דאָס אמתע מאַהאַגאָני,
וואָס רייכערט זיך הינטער גאָטס געזעס.
מיין נשמה וויל וויסן, צי גאָטס הויזן
זיינען פון אַסבעסטאָס...

יאָ, מיין שפּראַך קען שפּילן פידל...

יאָ, מיין שפּראַך קאָן שפּילן פידל
דווקא אויף אַ סטראַדעוואַר.
נו, פאַרשאַפט זי צוויי־דריי יידן
אומבאַשרייבנדיקן צער.
אַנשטאָט טודל זינג איך טידל,
אַנשטאָט "סיר" שרייב איך: „שר".

טענהן זיי: דיין שרייב־סטרומענטל,
וואָס פאַר פּאַגאַניניך טויג,
האָט פיל מאָל געגאָסן בלומען
אינעם אויער שטאָט אין אויג.
אין די טונקעלע אַרומען
האָט מען פיינט דעם זונענשטויב...

אָט דער חידוש פון דער כלי,
אַזוי זעלטן ווי אַ נס,
נעמט אַוועק דאָך שוין ממילא
צו דעם ליד דעם אינטערעס.
מיט דער שפחה, מיט דער שפילה,
עסט דער אידעם ניט קיין קעסט.

ענטפער איך די שיינע האַרן:
— „נישט פאַר הויכגעפוצטן נאַר,
נישט פאַר דאַמען־בודוואַרן
שפּיל איך פידל מיט אַזאַרט.
קריטיקירן סטראַדעוואַרן
דאַרף מען — אויף אַ סטראַדעוואַר."

דאָס גאָלדענע בלעטל

די גאַנצע וועלט וויל איך אָפּגילטן, כ׳האָב בלויז איין בלעטל גאָלד,
כ׳וואָלט דעם־אָ פאַרלאַנג אַליין אויך אָפּגילטן געוואָלט!
קלאַפּ איך דין, קלאַפּ איך דינער, קלאַפּ דין־דין
דאָס בלעטעלע גאָלד, דאָס בלעטעלע גין,
כ׳קלאַפּ מיטן שפּיץ פון העמערל האַרץ,
ביז דער דינענדער ראַנד נעמט ווערן שוואַרץ.

איך קלאַפּ אַ שעה, אַ טאָג, אַ וואָך —
ביזוואַנעט איך קלאַפּ אויס איין בלעטל אַ לאָך.
קנייטש איך דאָס בלאַנדע בלעטל צונויף,
הייב־אָן פון אָנהייב, הער קלאַפּן ניט אויף,
ביז די זון קומט אַרויס אין מענטשנס לאַנד,
גילט אָפּ דאָס גאָלד אין מיין גילדערנער האַנט.

לאָזט זיך מיין מידער קאָפּ אַראָפּ,
די טרערן פון אויג: טריפּ־טראָפּ, טריפּ־טראָפּ.
זיי פּילן די קליינע ריסן אויס —
פון גאָלדענעם בלעטל, וואָס וועט גילדן די רויז;
זיי רינען ווי האָגל, נאָר זיי שמעלצן אַריין
אין הוילקייט פון וועלן, אין גאָלד פון זיין.

מיאַמי ביטש, מאַי 24, 1941

ווער?

ווער ווישט דאָס פּנים זיך אַוועק?
ס׳איז דער וואָס לייקנט אָפּ זיין נאָז,
ס׳איז דער, וואָס זעענדיק זיין שרעק,
כאַפּט די האַק צום שפּיגלגלאָז.

דאָס פּנים בלוטיקט און פאַרגייט
אין זאַמד־פּאַפּיר, אויף דראָטנבאַרשט,
דאָס פּנימלאָזיקייט שטייט גרייט
דער לייקענער בלוטיקט און אים דאַרשט.

די רויטע יויך פון שלייף, פון באַק
זי רינט אַרונטער אויף זיין ליפּ,
דער שפּיגל בלוטיקט אונטער דער האַק,
די אויגן זעען דאָס שוין ניט.

די אַפּלען אויסגעזעצט ביים טאָג —
שמשון — פאַר זיין דלילהס זינד:
די בלינדקייט זיינע אָבער קלאָגט —
צום טויבן הימל און צום ווינט.

ער שטייט אַצינד — אַ זייל פון פלייש,
אַ פייער־טורעם — אָן אַן אויג;
דער מדבר רופט, דער עמוד־האש
פאַרגייט — אַ פייערדיקער סטויג.

צוויי וואַנדערער

צוויי וואַנדערער זיינען אַרויס אויף צו וואַנדערן,
צוויי מענטשן — דאָך ווייט אַזוי איינער פון אַנדערן.

דאַן זיינען זייביידע געקומען קאַריק,
פאַרשטויבטע צוויי וואַנדערער — און מיד זייער בליק.

— „וואָס האָט איר געזען דאָרט, איר וואַנדערער צוויי?"
עס פרעגן די שטאָטסלייט ביי יעדן פון זיי.

„וואָס האָב איך געזען דאָרט?" — זאָגט איינער און ציט
און כראָסטעט די גלידער — ער איז אַזוי מיד:

— „ווייסיך, בלויז גערטנער און וועלדער אָן צאָל,
און לוסטיקע טייכלעך, וואָס פליסן אין טאָל".

דער אַנדערער שמייכלט מיט ליכטיקן חן,
און זאָגט אַזוי ליבלעך: — „וואָס האָב איך געזען?

— „עך, גערטנער און לאַנקעס און וועלדער אַן צאָל,
און לוסטיקע טייכלעך, וואָס פליסן אין טאָל!"

קנעכט

איך האָב געקנעכטיקט ביי מחשבות פאַרשאָלטענע,
פאַרשאָלטן זאָל זיין זייער געביין!
ביי בלאָנדע אידייען האָב איך גענעכטיקט,
ווען דער מאַן איז ניט געווען אין דערהיים.

פאַר זיי וואַסער געשעפּט, האָלץ געהעקערט:
פון טייך צום וואַלד, פון וואַלד צום טייך.
האָט דער טייך מיך ביז איבערן מויל פאַרגאָסן,
און דער וואַלד האָט מיין האַרץ דערגרייכט.

פאַרשאָלטן — זיבן מאָל פאַרשאָלטן,
געקאַרבטער שטערן, וואו מיין מזל וואוינט:
ער טראָגט מיך אויף די שטראַלן־הערנער צו דער תליה,
ער טוט מיר אָן פון פערל אַ טרערן־קרוין.

איך האָב געקנעכטיקט, פייערן געטראָגן
מיט אַט די הענט די דאַרע, מיט אַט די צוויי.
איצט טאַפּ איך די וועלט — מיין וואונד די גרויסע:
איך פיל שוין גאַרניט — עס טוט שוין ניט וויי.

איך האָב געקנעכטיקט: פייערן געטראָגן,
אויסגעשלייפט אין לאַסטן מיין געביין
איצט שטיי איך אויף די קני פאַר מיין טרער — די ערד —
און עס בלעזלט נאַריש מיין געוויין.

צוגאַסטן בײַם קעניג שלמה

ווייב איז דאָ. וואָס דאַרף איך מער?
אַ ביסל גליק, אַ טראָפּן טרער.

עס פליט דאָך אַלעס, זאָגט מען מיר.
(כ'האַלט צו דעם קאַפּעליטש אויף מיר).

וואָס דאַרף מען בעסער? דער זייגער — אַכט
האָט זיך, ראַפּטאָם, אַהער געבראַכט.

געוואָלט מיר זאָגן עפּעס וואָס,
געוואָלט מיר אויפהייבן די נאָז.

דאָך איידער וואָס און איידער ווען —
האָט ער זיין ליכטל אויסגעברענט.

יאָ, אַלעס רינט און אַלעס שווינדט:
זון און וועלט און קייט און קינד.

און איך, וואָס שרייב מיט גרינגען טראָץ
דאָס זשאַרגאָליד פון האָץ און פלאָץ —

פלי אויך מיט מיינע פלעדערווישן
(אויסגעוואָרעמט הינטערן קישן!)

אַ האָרב פונפאָרנט — די גאַנצע וועלט,
איך פלי צו שלמהס פּורפּור־צעלט.

זיבן הירשן מיט דרעליס־הערנער
בוקן צו מיר ווילקאָמונג־ווערטער.

כ'ברענג שלמהס ווייבער אַ סאָוועניר
פון רויטן און גרינעם וואָלוואָוירט־פּאַפּיר.

דעם קעניגס חכם מיט דער באָרד פון וואָט
ברענג איך אַן אַלטן סולקאַ־קראַוואַט.

צוויי פונט ברינזע צו זיין מאַלאַי,
אַ גוטע בשורה, אַז נאַראַיעוו איז פריי.

מיר זעצן זיך אַלע דריי צום טיש
און שמועסן פון אַבסאָלוט גאָרניש ניש.

דערנאָכטן הייב איך מיך אויף און זאָג:
— „רב קעניג לעבן, אַ גוטן טאָג!" —

צעלאַכן זיך אַלע: — „אַ גוטן טאָג ביינאַכט?" —
פאַרשטיי איך שוין, אַז כ'האָב דאָ אָנגעמאַכט —

אַ צרה, אַ בולבע, אַ „פּאַ" און אַ „פּאַ" —
און איך דערפיל מיך, ווי דער גרויסער נאַר,

וואָס איך בין, וואָס קריכט אַלערהאַנטן
אין ווייטע, אין פרעמדע, אין ווילדע קאַנטן.

און איך גיב מיר אַ שבועה: זאָ העלף מיר גאָט,
אַז איך טו נישט מער אין חלום קיין טראָט.

איך האַלט מיך צו ביי די אייגענע הענט,
אַז זיי ווילן ברעכן די פּענט און די ווענט —

פון וואָרהייט און קלאָרהייט און זיבן מאָל מאָנטיק
פון פיר־קאַנטיקע זאַכן, וואָס בלייבן פיר־קאַנטיק,

פון פלאַטשיקע זאַכן, וואָס בלייבן ליגן
ביז צו דעם זיג פון אַלע זאַג־זיגן.

און ווער פון אייך מענטשן זיין גלויבן בויט
אויף דעם, אַז גאָל איז קיינמאָל נישט רויט, —

זאָל קומען צו מיר אויף לעקעך און באָב
און טיילן מיט מיר אַלץ, וואָס איך האָב.

אַ העלפט אויף אַ העלפט מיין פאַרביקן דלות
מיט קאַלדרעס פון בלאָנדע האָר פון כלות,

מיט פעלערינעס פון שפינוועבס און זאַמד,
מיט אַ פעסל בראָנפן, וואָס סלינעט מיט פלאַם...

און אויך מיט די יאָרן, די טעג און די נעכט
איז גרייט זיך צו טיילן איך — אייער קנעכט.

ווייל וואָס קאָן נאָך ערגער און שלימער זיין —
ווי זיין אַ קנעכט צו זיך אַליין?

צום שכל, וואָס רייט אויף דיר, שלאָגט דיך טויט,
אַז דו שטרעקסט די האַנט נאָכן ביסן ברויט.

— „בישט אַזוי שלמה, מיין קעניג און פריינט?״ —
שלמה שנאָרכט און זיין חכם וויינט...

און איך — צישן גענעץ און טרער און שנאָרך
בין אינגאַנצן אויער, וואָס האָרכט און האָרכט...

און האָרכט: עס איז אויסגעשטאָרבן די וועלט —
און גאָרנישט איז דאָ, און גאָרנישט פעלט...

איז כאַפּ איך פון חלום אַרויס זיך גיך,
ווייל אַלעס איז גוט, וואָס ענדיקט זיך.

אַזוי, צי אַזוי — יעדער סוף איז גוט.
איך טונק דאָ איין מיין פען אין בלוט —

(געענדזנבלוט איז וויניקער „באַדער״!)
און שרייב מיך אונטער: משה נאַדיר.

מיין באָבע

מיין באָבע שטייט ביים גן־עדן
מיט אַ תחינה און מיט אַ בלום;
זי קען ניט אַריין אינעווייניק
אין גן־עדן איז סטענדינג־רום.

מיין באָבע טראָגט ווייסע תכריכים,
זיי צעבלאָזן זיך אין דער קעלט;
זי שטייט דאָ פאַרלוירן און האַלט זיך
צו דאָס נייע העמד.

דאָס העמד מיטן קליינעם אויסגאַרס,
דאָס העמד פון ברייטן שניט;
צווישן הימל און ערד — מיין באָבע
שטייט אַזוי אינדערמיט.

עס פרירט, עס פאַלט אַ האָגל,
מיין באָבעס נאָז איז בלאָ.
שוין העכער ניינציק יאָרלעך
געוואַרט אויף אָט דער שעה.

און איצט . . . אָזאָ מיין ענגשאַפט,
אַ טומל אומעטום —
צדיקים ווי די פליגן
וואו מע קוקט זיך אום.

איעדער מיט אַ קיטל,
איעדער מיט אַ האַרף;
אַלע שפּילן תהלים
צי יאָר, צי ניט מע דאַרף.

צי קען דען גאָט דערהערן
אין ריזיקן יריד
וואָס די יידן שפּילן
און וואָס זיי שפּילען ניט?

מיין באָבעס אויגן זוכן,
זוכן ערגעץ וואו,
זי לאָזט אַרויס צוויי טרערן —
פרירן זיי באַלד צו.

אין פרעסטל אין מסוכנס,
וואָס פון וועלדער קוואַלט,
אַ הירשל, אַ צעשראָקנס,
שטייט זי קליין און אַלט.

אין האַרץ דער פּאַק מיט מצוות
וואַזשעט אַזש אַראָפּ;
די זינד וואָס ניט געזינדיקט
געניצן אין קאָפּ.

פון וויטן הערט זיך שטימען,
געלעכטערס זיל און זול;
די באָבע אין תכריכים
שלעפּט זיך נאָך דעם קול.

זי קוקט דורך פּלויט פון גיהנום,
זעט זי דאָרט — מע טאַנצט,
איינער קושט אַ בתולה,
די בתולה לאַכט און גלאַנצט.

אַ צווייטער זיצט און זשליאָקעט,
די באָרד ביי אים איז נאַס;
אַ דריטער בלאָזט די באַק אָן
און מאַכט אַ פּוטיעמבאַס.

ניט גוט ניט דאָ, ניט דאָרטן,
מיין באָבע גיט אַ טראַכט,
און גיט זיך ביי דעם האַרצן
אַ טאַפּ דעם מצוה־זאַק.

טאָרטן אויף די טאַצן
און וויין אין גרינער פלאַש;
נאָר וויל מען דאָס אַ נעם טאָן —
ווערט שטויב דערפון און אַש.

די באָבע ברעכט די פינגער,
גיסט מיט בעך געוויין,
טרערן אויף באַק און בריסטן
רינען אין דר׳ערד אַריין.

ווערט די באָבע צוגעפרוירן
צו דר׳ערד מיטביידע פיס,
קומט־אָן דער גן־עדן שמש
און טוט זי פון באָדן אַ ריס.

טראָגט זי צו צון אַ בענקל
אויפן דיל הויך־אָפּגעוועקסט
און הייסט איר דאָרטן וואַרטן —
ביז ער וועט רופן נעקסט.

איז די באָבע אַנדרימלט געוואָרן,
געחלומט זי איז קריק אַ מענטש,
האָט זי ווייטער געדאַוונט פון פּאָרנט,
געוואַשן די הענט און געבענטשט.

פינצטער פייער

„איך האָב געלעבט!“ — עס שרייט אין זעל מיט פּאַנען
ביים גרענעץ שוין פון ווייטן, פרעמדן קאַנט.
די ליפּ פון טויט ניט אָפּווישן וועט קאָנען
דעם מינדסטן אָנריר פון מיין שטילער האַנט.

פינצטער פייער

1

אַ פינצטער פייער ברענט אין מיר,
אַ צאַרנדיק־שיפנדער.
אוי, יאָרן מיינע, יאָרן מיינע
בליפנדע!

בערג־ריס אין וועלפישן געָנעץ
דערטרינקען מיין בליק.
עס גייט אין די אייביקע כמאַרעס
די באַן פון מיין גליק

און מער איז ניטאָ, ס׳וועט ניט קומען
קריק — די פאַרגאַנגענע שטרוי.
אָ, האַרץ מיינס, גיב אָפּ מיר דאָס קנעפּל
וואָס כ׳האָב דיר אָנגעטרויט.

2

און וואו איך גיי, לעשט זיך אויס אַ ליכט,
און וואו איך גיי, מאַכט זיך צו אַ טיר.
עס קוקט קיינער נישט אַרויס מער,
עס וואַרט שוין קיינער ניט אויף מיר.

רויטע בלעטער קרויזן זיך מיט האַרבסט,
טעלעגראַפן וויינען אויפן פידל:
איך קער מיך מיט דעם אַלעמען ניט אָן,
כ׳פאַל פון די פיס אַ מידער.

כ׳הייב אויף איין האַנט, די אַנדערע,
כ׳צי מיך אויס צום טויט אין זיסן גענעץ,
אָ, ווי נאָענט, ווי נאָענט מיין גאָט,
עס איז שוין די גרענעץ!...

3

די צייט איז אַ וואונד, וואָס רינט אויס אין יאָטער,
אַ, גאָט, ווי גראָטעסקאַרטיק דו שפּילסט טעאַטער.

די ימים אין זייער צעצאַרנטן זיין
קלאַפּן דיר בראַוואָ . . . און דער שטערנשיין
ריטשעט דיין רום פֿאַנאַנד אין זיין רו
און ווינקט דיר חניפֿהדיק צו.

נאָר איך, ווי אַ וועלפּל אַ ווילדס, שטיי אויף טרעפּ פֿון דיין טראָן
און קוק דיך אָן, און דו קוקסט מיך אָן . . .
קענען מיר זיך? בין איך דיר פֿרעמד דורכאויס?
דו — דער לייב, און איך — די צעשראָקענע מויז.

איך שרייב

איך שרייב ווי איך רעד —
סכנות שנעל.
און איך טראַכט
נאָך שנעלער.
אַז איך שווייג,
שווייג איך אַן אין אַ שעה
מער ווי אַן אַנדערער אין אַ יאָר.

איינגעשנייט ווער איך
אין אַ זאַווערוכע
פֿון שטורעמדיקן שווייגן,
פֿון וועלכן עס לאָזט זיך אויס אַ טייך
אַזוי גיך ווי די זון
פֿון מיין האָפֿענונג
גיט אַ שיין.

אַז איך בין טרויעריק
בין איך זייער, זייער טרויעריק.
אַז איך בין פריילעך
בין איך קוים־קוים פריילעך
(מײַן עקסטאַז איז אַ רויטע טאַשמע
אויף אַ שוואַרצן ריכטער־מאַנטל).

אין ענין פון פאַרגעסן
קען מיך קיינער ניט
איבערשטייגן.
דערמאָנען
דערמאָן איך מיך בלויז
זאַכן,
וואָס זייַנען שוין נישטאָ
ווער ווייסט ווי לאַנג.

און שטאַרבן
שטאַרב איך זייער לאַנגזאַם!
צי ווייזט זיך מיר נאָר אויס אַזוי,
ווייל מײַן געדולד איז קורץ?

מיטן פנים וואוהין?

מיטן פנים וואוהין? — און וואו איז וואו?
עמעץ האָט אין שלאָף מיך אויסגעדרייט צום פיבער.
אַ נאַסע האַנט האָט אויסגעווישט דעם גאַנג פון רו,
און ס'איז די רעכטע זייט אויף לינקס אַריבער...

כ'בין מיד, עס ברענט מיך יעדער ביין אין לייב.
און אין די קנעכלשלעסער זשאַווערן די טשוועקעס.
כ'זעץ מיך אויף — אין חלום איך פאַרשרייב
דעם שייַנעם איינפאַל, וואָס פון מיר אַוועק איז.

איך שרייב און מעק און שרייב — אויף טויזנט מייל,
עס קלעקט די פּען — מיט שטיקער בלוט פּאַרקילטע.
די שטערנשטראַלן צעטרעלדל איך אַ ווייל
און ציר מיט זיי — לידער אויסגעשפּילטע.

די נאַכט איז לאַנג, ווי לאַנג עס איז אַ נאַכט
פאַר איינעם, וואָס קען אין שלאָף ניט שלאָפן.
אין שרעק האָב איך פון אומשלאָף אויפגעוואַכט,
איך זוך די טיר — אין מזרח און אין צפון...

קיין טיר ניטאָ. וואו האָב איך זי געלאָזט?
ס'האָט עמעץ אַלס אַ שפּיצל אויסגעדרייט דאָס וועלטל.
איך גיס מיך אָפּ מיט רינענדיקן פראָסט
און דורך די הייסע אַנגסטן — בריען קעלטן...

איך זעץ מיך אויף, דערזע צופוסן און צוקאָפּ
די ווענטלעך פונעם בעט צעשניטן —
אין גלייכע גראַטעס — פון אויבן ביז אַראָפּ —
און איך געפאַנגען ליג אינמיטן...

איך כאַפּ אין פּיין דאָס נאָענטסטע ווענטל אָן,
איך טרייסל עס און שריי: אַנטבינדט מיך!
און איבער אַלעס זשומעט שטיל אַ פליג,
און ס'גיט אַ גליטש דער פּחד פון צוויי ווינט־שיך.

טאָג

1

אַ מושל האָב איך היינט געזען
מיט פּסעוודאָ־אונטערשריפט אומקלאָר:
אין ווינקל פונעם ווערק פאַרשטאַמפּט
די אונטערשריפט פון מיליאָנען יאָר.

אויך איך לאָז דאָ אַן אונטערשריפט, אַ צוק
פון האַנט, וואָס ווערט געצוקט פון עפּעס.
און איך אַליין פאַרגיי צום לאַנד
וואָס איז לויטער זאַמד און סטעפּעס.

2

עס רוישן די ווערטער פון ליבע,
די זאַמדן ביים ברעג,
זיי דרייען זיך איבער און איבער
אין זילבערנעם בעט.

יום־טוב־באַלעט פון די ליכטן
ציט זיך און גריסט.
עמעץ דערזינגט דאָרט געדיכטן,
עמעץ דערשפּילט דאָרטן ליסט.

מיט צווייגן איז אַלעס געקרוזשעט,
מיט ראָז איז דאָ אַלעס באַגרינט,
פון ערד די מוזיק פלייצט אַהערצו,
דער הימל נעמט אַלצדינג אַהין.

פלאַטער פון וואָלקנס, ווי טיכלעך
וואָס שאָרשען אדיע.
מיט פינטלען פון היינעשע ביכלעך
שמייכלט דער הימל צו זיי.

אַ לוויה

אַ לוויה גייט ביי מיר אין מוח:
צדקה־פּושקעס קלינגען אַזוי הויך,
דער קרבן גייט פאָראויס מיט שפּאָד און רידל.
(דער טויט איז אַן איינגעהויקערט, אויסגעמוטשעט יידל!)

וואָס איז ביי מיר אין האַרץ, וואָס קומט דאָרט פאָר ?
די טריט, די טריט פון מיין טאַטנס דור.
פון גלעקער גיסט זיך אויס דער לעצטער טראָפּן וויין
און פון שטיינער לייכט דער וויזהייט־שיין.

דורכגעשפּיגלט

1

ווי ס׳איז דורכגעשפּיגלט מיט לאַכנדיקע טרערן,
די גרינע גלאַטקייט פון דעם וויטן לאַנד,
אַזוי איז דורכגעשפּיגלט דורך־און־דורך מיט פּערל
די דינע בענקשאַפט, וואָס אין האַרץ מיר פלאַמט.

ניט אויסלעשבאַר פון ווינטן און פון האָגל,
ניט מיט טויזנט ימים גרויע יאָרן,
דורך אַלע טאָלן פון מיין שוואַרצן וואָגל
גייט־אויף דער האָפענונגס זילבערנער האָרן.

„איך האָב געלעבט !״ עס שרייט אין זעל מיט פאָנען
ביים גרענעץ שוין פון וויטן, פרעמדן קאַנט.
די ליפּ פון טויט ניט אָפּווישן וועט קאָנען
דעם מינדסטן אָנריר פון מיין שטילער האַנט.

2

איך בין דער מאַרך, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון שטאַרבן,
ווייל ער אַליין האָט אויסגעטראַכט דעם טויט.
דעם רעגנבויגנס קושנדיקע פאַרבן
הענגען, ווי אַ פאַנצער אויף מיין הויט.

איך בין די צונג, וואָס איז אין ערד פאַרזונקען,
ווי אַ טויטער גלאָק, דאָך קלינגט דאָס אָפּט —
ווען ס׳איז דער באַרג אין ים פון זון דערטרונקען
און בלויער טאָל — אין בלוט פון ווייסע שאָף.

איך בין די האַנט, וואָס שרייבט אַן מעם און נון
און ענטפערט ווי אין חלום „דאָס בין איך!״
און איבער אַלע שטיינער, וועלכע רוען
עס שוועבט מיין נאָמען — שטום און גיך.

איך בין דאָס אויג, וואָס האָט געלייגט אַ זיגל
אויף אייביקייטס טונקלעם דאָקומענט,
און איז פון שפּינוועבס אויסגעהעפט מיין וויגל,
איך הענג אין סאַמע מיטן זון, וואָס ברענט.

אין זישא לאַנדויס גייסט

אַז אַ לבנה וועט טאַנצן
אויף מיין געביין,
ווער וועט דען דעמאָלט
אומרואיק זיין?

אַז אויסרינען וועלן
די ערד און שטערן,
ווער וועט דען דעמאָלט
פאַרציטערט ווערן?

אַ טראָפּן פון גיפט
אין אַ שטיל, קליין מויל,
און אַזאַ אומענדלעכער
צייט־רוים אין גרויל.

כ׳וועל זיין אַ שטיק שלאָף
און איר וועט מיך שלאָפן,
כ׳וועל זיין אַ טויטע האָפענונג
און איר וועט מיך האָפן.

איך און סטעפאַן צווייג

צווייג הייבט אויף די מנורה,
איך — מיינע פינף פינגער.
דער גוף איז מער ביבל, ווי די תורה,
און אייגן בלוט — דער העלסטער זינגער.

און וואָס וועגן שפּרייטן די ליכטער?
און וואָס וועגן טראָגן דאָס פייער?
אַז סקעלעטן מיט לעכערנע געזיכטער
גיבן אויך זייער פּאַספּאָר צושטייער.

אַז מנורהדיק פּאַרוויקלט, געדריידלט
עס לייכטן די דזשאַנגלס מיט מאַלפּע,
און אויף אַלץ, וואָס איז טרויעריק־אײדל,
וואַרט די ערד — אַ קאַטאַפּאַלקע.

און אַ רעגן מיט אומעט־פאַרפומען
וועט אַלעס פאַרגרויען, פאַרווייכן:
עס קענען מנורהנע בלומען —
ניט פאַרשיינען דעם לעצטן צייכן.

קאַלטער שווייס

1

אַ קאַלטער שווייס אויף מיין שטערן —
די לעצטע שטילע שריפט.
מיין העל־זין שרייבט מיט טרערן
לויט אַלטן היראָגליף.

דאָך עלטער ווי די גליפן,
און ווי די צייט אַליין,
עס איז מיין צייט אין גריף פון
אייביקלעכן שטיין.

עס ווײנט: ניט אויג, ניט ליפּן,
דער שטערן ווײנט פֿאַר זיך.
דעם שכלס גרויער כליפּן
לעשט זיך ווי אַ ליכט.

עס וועט די טרער ניט פֿליסן
מער ווי אַ מינוט,
און אין דער וועלט דער זיסער
איז ווידער אַלעס גוט.

2

נו, מײַן טרעפּלעכע שעה
מײַן לעצטלעכע שעה
דו ביסט דאָ!

פֿריד צו דיר,
מײַן שטילינקע,
ווילִיקע.
כ׳בין דאָ —
נו, פּאַרטיליק זשע!

דײַנע שוועסטער
פֿלעגן בלאָזן מײַנע טריט,
נאָר דו ביסט די לעצטע
פֿון יענע מיניט.

נו, מײַן געליבטע,
מיט דער זון אין דער האַנט,
מיט שויב אומבאַטריבטער
עס גריסט דיך מײַן וואַנט.

אָקטאָבער, 1937

פּאַיאַצאָ

די נויט האָט באַפוילן מיר „לאַך !"
דער צער האָט די ווערטער דיקטירט —
און איך האָב פאַרקריצט מיט די ציין
און רואיק מיין פעדער געפירט.

און רואיק מיין פעדער געפירט
דורך זומפּן פון טינטיקן שפּאַס :
און דאָס האָט געפונען פיל חן,
און דאָס איז געפעלן דער גאַס.

און דאָס איז געפעלן דער גאַס,
געלויבט האָט זי מיך און באַלוינט.
און מיך ווי דעם קעניג־פּאַיאַץ,
מיט נאַרישע גלעקלעך באַקרוינט.

מיט נאַרישע גלעקלעך באַקרוינט,
איצט ווײַן איך דערויף — עס טוט באַנג
צו הערן אין טאָג פון דיין טויט
פון פורים־גלעקלעך דעם קלאַנג.

שוואַרצער מאָן

דאָס שיקזאַל טרעסעט מיט זיין גרויסן האָרן,
דער שוואַרצער מאָן שיט זיך אויף מיין קאָפּ.
עס קניעט שוין מיין האַרץ אין אָפּגעלעשטן צאָרן,
ווייל וואָס דו וואַרפסט אַרויף, קומט דאָך קריק אַראָפּ.

עס יעירט אין ים דער טראָפּן פון מיין זאַלצבלום,
עס שפּילט אין אוראַגאַן דער אָפּקלאַנג פון מיין זיפץ.
מיין אומזין דרייט זיך אום אַן אויסגעטאַנצטער וואַלצער
און קריצט מיט שפּיל פון נאָגל אַ געשריפּטס.

מיט גאָלד־פּרישטשעס באַשלאָגן, אין זעק פון גראָבן לייוונט,
דימעט וועלט אין קריע־ריס פון נאַכט —
און עפּעס אַזאַ קראַנקער, גרינגער, אייזערנער שווייגן
גראַבלט טיף אין מיר און ברילט און ברומט און לאַכט.

פּאָטער און זון

עס איז איך, גאָט, איך!
כ׳האָב אינמיסטן אויסגעטון די שיך:
זאָלסט דיך ניט צופיל דערשרעקן,
כ׳זאָל דיך ניט צופיל דערוועקן.

ס׳איז איך, גאָט, איך!
איך און מיין זון מאיר,
מיר קומען שטיל צו דיר
און בעטן דיך זייער —
מיט שטילע ווערטער, ווייכע טריט:
פאַרוואָס פרעמדע יידן העלפסטו,
און אונדז ניט?

ס׳איז איך, גאָט, ס׳איז איך טאַקע!
צו דיין שטול קום איך באָרוועס, נאַקעט.
איך קלאַפּ שטיל מיט מיין ברעם אין טיר פון הימל:
הערוועק דיך, גאָט, דערוועק דיך פון דיין דרימל!

און גיב אַ קוק אויף אונדז —
אויף מיר און מיין זון מאירן:
געלייטערט אין דעם לעבנס פייערן,
מיר קומען איינגעבויגן, אונטערטעניג
צו דיר, אַלמעכטיקער קעניג!

מיר קומען, צוויי געשלאָגענע הינט,
וועמען שפּייעכץ פון די ליפּן רינט.

מיר קושן דעם זוים פון דיין בויגנרעגן
און שטעלן זיך אונטער דיך צו פרעגן:
גאָט, וואו איז דיין געטלעכע זיט?
אַז פרעמדע יידן העלפסטו
און אונדז ניט?!

און ווילסטו אונדז פאַרטרייבן מיט דיין שטיוול?
פאַרטרייב אונדז! וועלן מיר פון גיהנום דיר אַ בריוול
שיקן דורך דער פאָסט פון שמע־ישראל...
וועסטו אונדז אויכעט מוזן אויסהערן אַמאָל!
ס׳וועט דיר גאָרניט העלפן, קיין שום קונץ,
אַז פרעמדע יידן העלפסטו —
נו, און אונדז?...

מיר מיינען, אַז דו הערסט אונדז אויס, מישטיינס...
נאָר דו, גאָטעניו, דו טוסט דיר דיינס!
איך נעם אַזאַ שיין פנים און פאַרקרים עס,
נאָר דו מאַכסט זיך ניט דערפון קיין צימעס.

דו העלפסט ליטוואַקעס, טערקן, און אונגאַרן,
נאָר אונדז ביידע לאָזטו שטיין און אַרן —
מיך און מיין זון מאירן דעם עילוי!
מאַכסט זיך, אַז דו קענסט אונדז ניט אַפילו.
איך שריי, ווייל עס ווייטיקט און עס בריט:
פרעמדע יידן העלפסטו
און אונדז ניט?!

רויש, ראַש, צאַפּל פון טעג...

רויש, ראַש, צאַפּל פון טעג.
גאָט נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, פירט מיך אַריבער דעם וועג.

ער גיט אַ צייכן אין דער הויך: ווערט אָפּגעשטעלט
די אַנדערע מענטשנס יאַגנדיקע וועלט.

ווערט רו אויף אַ ווייל, געפּאַרלאַז, שטיל —
גיי איך אַריבער וואוהין איך וויל

נאָר אַז איך גיי אַריבער אויף דער אַנדערער זייט,
שטייען און וואַרטן צום אַריבערגיין — לייט.

זיי ווילן אַריבערגיין אַהין, פון וואַנען
איך בין מיט סכנה אַריבערגעגאַנגען.

שטיי איך מיט יענע אויף יענער זייט גאַס,
און ווייס ניט, צי דאָס איז פון גאָט אַ שפּאַס:

צו פירן אַהער און אַהין און צוריק
אויפן צופאַל־שטריק פון שפּינוועב־גליק.

זוך איך איצט ווידער די האַנט, וואָס פירט,
טאַפּ איך די הוילע לופט אַרום מיר.

לאַז איך מיין שרייענדע האַנט אין דער לופט
אויף גאָטס באַראָט — מיין פאַרבלאָנדזשעטן גוף.

טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, מאַי, 1938

לעצט

1

ס׳קען היינט, ס׳קען מאָרגן פּאַסירן,
זיי גרייט, מיין לעצטע פראַז!
איך פיל אין האַרץ שוין פרירן
מיין זיסן האַס.

ס׳ווערט אַזוי העל, העליק,
ווי איינמאָל אין מאַי:
שטערנדלעך אומציילִיק,
פאַרטאַיעט אין טאַי.

עס גאָלדעלירן ווייטן —
פאַרקלונג, פאַרגאַנג!
פון אַלע זיבן זייטן
ווײנט דאָס אויס־געזאַנג.

„פירט איר די וועלט!"

איך לאָז אייך וועלט און וואָלקן,
איך לאָז אייך קוואַל און טרער:
מאַכט איהר שוין דאָרטן טאָלקן,
וואו מיר געווען איז שווער.

איך האָב געפּריפט בפירוש
מיט אַלע מיינע קרעפט;
געווען מיין טראַט איז בעריש,
און אַלע מעשים — שלעכט.

איר וועט עס מאַכן בעסער,
ווייל ערגער איז שוין שווער.
איך לאָז מיין ברויט און מעסער
און אויך מיין פּורים־פערד.

דאָס שמחת־תורה פענדל,
אַ האַלבן עפּל אויך:
פון אויסגעלאָשן שפּענדל
עס דריבלט נאָך אַ רויך.

אָפּטמאָל...

אָפּטמאָל —
זע איך מיך געשאָסן
אויפן טראָטואַר.
שטיל עס גיסט זיך אָפּ פון מיר
אַ רויטע פאָן אַזאַ,
און רואיק
זע איך מיך פאַרלעשן
אין אויפגאַנג פון מיין בלוט,
אָן טרומייטער שאַל, אָן אַלעם דעם,
וואָס פינקלט פאַר די וויעס
פון אַ טרוים.

שטאַרבן — ווי פאַרדינטע רו
נאָך אַ טאָג מיט אַרבעט
און צומאַכן די אויגן —
אויף דער קלייניקייט וואָס
מענטשן רופן „אייביק”.

דאָס האַרץ גיסט אָפּ פון זיך
אַ שטילן קוש
צו וועלט און לעבן
און לאָזט אים ליגן
אויף דער קלוגער ערד.

אומזיסט

ס'האָט טויט מיט קראַפט גענומען
וואָס כ'וואָלט אים גערן געשענקט:
די קרענץ פאַרדאַרטע בלומען,
חעם פורכטבאַרן געבענק.

דער שיינקייטס בלענדזע־טראָפּן,
דעם גליקס פֿאַרגילדטע שטרוי,
דעם דופֿט פֿון יונגע האָפּן,
די שטילקייטן פֿון טוי.

דורך האַלב־פֿאַרמאַכטע וויעס
דעם רעגנבויגן־שפּיל,
די אויפֿשפּאַלטונג פֿון קריעס
וואָס הילכן אַנזאָגפֿול.

די לוילעך דייטשע „לענצן"
פֿרילינג־צייט אין בערן,
די גאַנצע ערד געקרענצטע
מיט מילכוועג פֿון שטערן.

איך גיב דאָס באהבה
אָפּ אין טויש פֿאַר רו.
טויט — מיין לעצטע תאווה,
דאָס ביסטו, ביסטו!

אַליין

איך טייל מיט פֿיל געלעכטער,
מיט אַנדערע — געוויין,
דאָך שטאַרבן וועל איך, שטאַרבן
איינינקער אַליין.

איך טרינק מיט טויזנט — טאָסטן
און טייל מיין שטיקל ברויט,
דאָך מיר אַליין געמאָסטן
עס ווערט די מאָס פֿון טויט.

די ברידערשאַפט פון טויטע,
שכנהשאַפט פון ביין
ווערט אָנגעזאָגט דורך פלויטן
און אויסגעזיפּצט דורך שטיין.

פאַרפאַנצערטער אין פאַנצן
פון קנעכל ביז די האָר,
הער טויט ער איז אַ קמצן
זינט אַלע זיינע יאָר.

איינזאַם, איינזאַם, איינזאַם
די גרויזאַמקייט פון צייט,
מיט קיינעם ניט געמיינזאַם
דער נאַר־באַרימער — טויט.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., 1938

אויפן הימל די געלע לאַטע...

אויפן הימל די געלע לאַטע באַווייזט זיך, פאַרגייט, קומט ווידער,
ווי אויף אייערע פּלייצעס, מיינע פאַרוואָלקנטע ברידער.
אָ, רעד ניט מער! נאָר שווייג און שווייג — בלינד און שוואַרץ!
שווייג־אָן אַ פולע וועלט. גיסט עס אויך דורך די אויגן קריק אין האַרץ...
און שווייג ווייטער. דאָס מויל האָט סיי־ווי ניט וואָס צו זאָגן!
די ליפּן ציטערן, נאָר זיי וועלן ניט קלאָגן.
צו וועמען? צום באַהאַלטענעם וואָרעם אין וואַלד?
צו דער פינצטערניש פון שניי־וואַסער אַזוי קאַלט?

ישראל־הײנריך הײנע... שרה־מאַטילדע...
מיט אונדזער שיין פון אורקוואַלן מילדע —
פאַרגיסן מיר די וואונד אויך פון פרעמדן בלוט;
אין אונדזער שטאַנד איז קריכן אַ העלדנמוט...
מיר וועלן קריכן טיף, ביז טיפער קאָן ניט ווערן;
ביז עס ווערן פאַרלאָשן סיי אויגן, סיי שטערן, סיי טרערן...
אין פעלזן־תהום וועלן מיר אַרויסלאָזן אונדזער געבריל
אויפצושוידערן דער מוטער־ערדס שטילסטע שטיל.

ווי דער וועלטס ניט־פֿאַרזייטער ביסן, וועלן מיר גורם זיין —
דער טאָג זאָל אויסמאַיקען זיין לעצטן שיין.
דערווייל: פֿון די ליפּן פֿון פֿאַרצוקנדן המון —
ראַטעווען מיר גאָטס וואָרט, זיין שפּינווועבס־קרוין...
פּלעכטן מיר זיך רונד־אַרום אויף דעם.
דאָס פֿייער טרעט שוין צו צו אונדזער ברעם...
דאָך טוען מיר קיין פּינטל ניט! די שטערן פּינטלען שוין פֿאַר אונדז אַלע:
לכה דודי לקרת כלה!...

די וועלט איז טיף...

די וועלט איז טיף און האַלט כסדר אין פֿאַלן.
דאָס פֿאַלן איז ווייך און איז גוט,
נאָר אינמיטן פֿאַלן — פֿאַלט אויף אַ רעגן פֿון בלוט.
בין איך פֿול מיט טויטלעכן אַנגסט —
אָ, טו גאָט מיט מיר, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט!
נאָר טו עס שנעל און גרינג און שאַרף —
כ׳גיב דיר קריק דיין האַק און האַרף.

ווייך איז די צייט, אין וועלכער מיין לעבן זיך טרינקט.
די וועלט איז טיף — און איך בין אין שטענדיקן זינק.
די פֿינצטערע בערד, קייטוועסטן שווערע, קרייצהאַק און לאַנץ,
זיי גייען פֿאַר די אויגן מיינע דעם טויזנט־יאָר טאַנץ.
די פֿינצטערניש פֿאַלט אינאיינעם מיט מיר, דער דעמער לעשט זיך אויס,
אָ, זומפּיקער חושך פֿון שטרעקעס אומענדלעך און גרויס!
הערווייל איז די צייט מיר אַן אָפּגרונט, דער רוים אַזאַ סופֿלאָזע טיף.
נידעריקער, נידעריקער זינקט האַריזאָנטווערטס מיין שיף.
דער בויגן פֿון רונדיקן ים־בול פֿאַרהוילן אין נעפּלדיקער פֿאַן —
עס הייבט זיך דער אָנהייב פֿון אָנהייב אויפֿסניי דאָרטן אָן.

הייליקייט

די הייליקייט, וואָס אָטעמט אין זיין גאָט אַריין אַנדזשעלאָ,
דאָס פייער, וואָס בלאָזט אַריין שעקספיר אין זיין אָטעלאָ,
די מלאכים, וואָס שפילן דעם טרומפייט פון ראַפאַעל,
די שלאַנגען, וואָס טרעטן־אויף, ווי בלומען, ביים וואַנפולן גאַגען,
הער פידל, וואָס באַקלאָגט די פאַרגייענדע האַנט פון קעניג דוד,
דאָס רויזנפאָלק, וואָס טוט־אָן דעם דאָרן אַ קראַנץ פון כבוד.

אָט די אַלע אָפשיינען פון אַלטן ליכטנטום,
די מופתים, וואָס וואַנדלען אין חלומות אום,
ווי טאָג־וואַנדלער געפאַלענע אַרויס פון נאַכט אין שלאָף
אין בלאָעם קרייז פון אומפאַרפליסנדיקן שטאָף.
זיי זיינען ביי מיין פיין־לייכטער געטרייע וועכטער,
וואָס זאָגן אָן, אַז לעכט עס ציט צום לעכטער,
ווי וואַסער ציט צו וואַסער, שטראָם צו ים.

אַזוי וועט ציען זיך מיין אומבאַוואוסטער גאַנג
אין הייליקייט, אין שיינקייט געשאַפן פון דעם מענטש
דורך פיאָרד, פאַמפּאַס און סטעפּ און רענטש,
דורך אַלע איינזאַמקייטן, ביטערקייטן, ווילדן בענק,
צום לעמפל, וואָס אין די ווייטע פרעמדן ברענט,
צו אויספאַרזוכן מיט די ליפּן אויף דעם קאַלטן מירמל־שפּאַט
און עס איינטרוימען אין מיין בילד־געשטאַלט פון גאָט.

נאָר אויסגעשטשערבעט ענטפערט מיר זיין קול אין ווינט:
„שרייב ניט מער קיין בריוו, מיין זון, ווייל איך בין בלינד״.

אָ, גאָט אין הימל!

וואָס זאָל איך טאָן, אָ גאָט אין הימל?
אָ, גאָט אין הימל, וואָס זאָל איך טאָן?
דיין ברויט איז לאַנג שוין אין מיין זעל פאַרשימלט,
און ווערים פרעסן־דורך אין האַרץ מיין פאָן.

מיין גייסט איז אָפּגעשיט מיט איוב־מכות —
און קיין פריינט אליפז האָב איך ניט.
שווייג איך אויס צו דיר מיין פּיין — און וואַקל
צו מיין סוף מיט שיכורלעכע טריט.

איך רוק מיך אַלץ נענטער צום ברעג פון לעבן,
נאָך אַ קלייגער רוק און איך פאַל אַראָפּ.
איך האַלט מיך צו מיט מיין גאַנצן וועזן
ביים לאַכנדיקן שאַרבן פון מיין קאָפּ.

די ערד פאַרשפּייט איר צאַרנדיקע לאַווע,
מיט פייער שפּייט פון טיפן דער פאַרדראָס.
איך לעש מיין גיפט מיט זיסע טעפּלעך קאַווע —
נאָר אומפאַרזיכבאַר איז מיין סם־המות כוס.

איך ווייס, ס'איז ניט געזונט מיט סם צו שפּייען,
ווי טאָג איז גרויס און ווי די נאַכט איז לאַנג, —
נאָר ווען ס'איז באַשערט בלויז סם צו קייען,
דער שפּייט עס אויס אין טויזנט טעפּ געזאַנג.

איז וואָס זאָל איך טאָן, גאָט אין הימל?
אָ גאָט אין הימל, וואָס טו איך פאָרט?
דיין וואָרט עס איז אין סיני־באַרג פאַרשימלט,
ביי מיר אין מויל דערטרונקען ליגט מיין וואָרט.

איז ווענד איך מיך צו אַלע מזרח־מערבס,
צו אַלע צפון־דרומס נאָך אַ ראָט
אין פאַלבן פון דיין נאַכט פאַרציטערט האָר איך
אויף דער בלאַנקער שווערד פון דיין גענאָד.

סטאַנפאָרדוויל, נ. י., יולי, 1938

נעענטער

איר וועט זוכן מיינע ביכער און זיי גראָבן,
ווען איכ׳ל זיין אין דר׳ערד שוין לאַנג באַגראָבן.

איך געדענק קיין נעמען ניט, גאָרנישט־נישט.
ס׳איז אַלץ אין מיר שוין אויסגעמישט.
אַליין מיך מישט דער שטערנשטויב
פון גאָטס פאַרגילטן הענגל־טרויב.

מרגלים צוויי — די נאַכט, דער טאָג —
זיי גיבן מיך אַ גרינגען טראָג
פון הער צו היין, דערנאָך צוריק,
צום ווינקל פון מיין קראָטקעוויק.

דאָרט בלייב איך ליגן — וואָלף אַנטוואָלפט,
אַ בינטל ביין, ניט נאָכגעפאָלגט,
נאָר פיל פאַרפאָלגט און פיל פאַרשימפּט
פאַר מיינע און פאַר דיינע זינד.

(אָ, טאַראַראַמעס און הו־האַס
פון דיכטערישן שטערן מאַרס!)
גאָט, וואו ביסטו? זאָג יאָ, צי ניין:
צי וועסטו מיר אַנטקעגן גיין?

אָ, איך איל דיך צו, פריינט אַדושם!
עס זינקט מיין אויג, עס פאַלט מיין פּען.
ווער שטאַרבט אין מיר? אַ פרעמדער מאַן —
באַקענטלעך איז מיר בלויז זיין האַנט.

מיט פינגער אָן אַ שום קאָנטראָל
און מיט אַן עכאָלאָזן קול,
אַ מויל וואָס פּאַסט מיר שוין ניט מער
און אויגן — יעדער אויג אַ טרער.

אַ מיהער־מידער מאַן, אַנטנוצט,
אויסגעוואַשן, אויסגעשטוצט,
אין פויסט פאַרקוועטשט אַ קווייטנריט
פון נאַראַיִעווס קאַרשנצוויט.

און וואו צו טראָגן איז ניטאָ
דעם קאָפּ, דעם־אָ פון זילבער־בלאָ,
דאָס הארץ דאָס־אָ, דער נס־לאָמטער
פון שלאָפמיטלען, מיט שלאָף באַשווערט.

מיט גלייכגילט, אויסגעגילט, געקילט
דעם פייערמאַרש, וואָס כ׳האָב געשפּילט.
די לאַווע רינט פון קרוין פון באַרג —
און איך אין טאָל זיץ שטיל און וואַרט.

איך וואַרט און וואַרט, אַליין, אַליין,
צי וועט מיר גאָט אַנטקעגן גיין?

אַ צוויי־דריי טריט כאָטש ביז צום שוועל —
איך טראָג אים שניי־בלימלעך אין זעל.
שמע ישראל — דער סוף פון ליד,
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייד.

:: :: ::

איך שרייב דאָס אַלץ מיט טעמפּן שטיפט
אין מיין הערראָגליפן־שריפט.
מיין פרוי אַליין נאָר קען דעם סוד
פון יעדן קאָטשערדיקן אות.

זי וועט, ווען דער טאָג וועט גלי׳ן,
עס אָפּשרייבן אויף דער מאַשין.
נאָר שטאַרב איך אָן מיין פרוי דערביי,
שטאַרבט אויך מיין לעצטער אויסגעשריי.

מיאַמי ביטש, פלאָרידע, מאַי, 1943

הייליקע טעג — פאַרכטיקע טעג

אַ תפילה

דאָס איז אַ שמועס צווישן מיר און גאָט.

דעם ג. פון ישראל, וועלכן איך האָב פאַרלאָזט נאָך אין מיין יוגנט ווייל ער האָט מיך פאַרלאָזט, ווייל ער האָט די וועלט אָנגערייצט אויף מיר און מיך אויף דער וועלט.

דעם ג., צו וועלכן איך האָב געפּרוווט צוריקקומען נאָך אַ לאַנג־יאָריקן קינדישן „ברוגז", און ווען איך בין צוריקגעקומען אין זיין תפילה־שטיבל אַריין ערגעץ אויף ריווינגטאָן סטריט, האָב איך מיך געפילט פונקט אַזוי צבועקיש, ווי דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב אַלס יינגל פון 15 יאָר געבראָכן אַ יום־כיפור תענית, און אַ טרויעריק־פאַרצווייפלטער־פאַרשאַלטענער געזעסן אויפן ווינט־קאַלטן „האָוסטאָן סטריט דאָק", און מיט די אויגן פאַרגראָבן אין ב. פייגענבוימס אַן אַפּיקורסישן אַרטיקל עגמת־נפשדיק געמורמלט אין הימל . . . וואָרעם זע, ווי קלאָר און קאַלט און בלויז און ליידיק ער איז!

היינט קום איך צוריק — שוין צום לעצטן מאָל, צום לעצטן מאָל.

איך קום צוריק צום ג. פון ישראל און צווישן מיר און אים שטייט שוין מער קיינער ניט: ניט דער רב און ניט דער רבי, ניט דער נביא און ניט דער נשיא, ניט דער „זעער" און ניט דער „פירער" — ביין, צווישן מיר און ג. שטייט שוין היינט קיינער ניט. אַפילו די רעליגיע ניט.

אָנשטאָט אַריינצושיקן מיין וויזיט־קאַרטל צו גאָט דורך אַ פאַר־מיטלער, שטיי איך איצט פּנים אל פּנים מיט מיין האַר און ג.! ניט אָנגעקלאַפּט און ניט אָנגעמאָלדן שטיי איך איצט פאַר זיין שטראַליקייט. מיטן נאַקעטן האַרץ שטיי איך פאַר אים. מיט אַלע מיינע פאַרדעקטע וואונדן וואָס נאָר ער קען זען — ער, דער מייסטער פון די יסורים־

בלומען, וואָס וואַקסן אין די מדבריותן פון אַ מענטשלעכער נשמה, קען זען און אָנטאָפּן און — היילן אויב ער וויל, און אויפרייסן נאָך טיפער, — אויב ער וויל.

:: :: ::

דאָס זיינען ניט קיין ליטעראַרישע רייד. גאָט, האַר פון דער אומ־גליקלעכער, שמאַטעדיקער וועלט!

דאָס איז ניט קיין אָנשטעל, קיין גרימאַסע און קיין שוישפּיל. ניט אַפילו קיין פּאָעטישער אויסשטראָם פון אַ לעבן אַ פאַרהאַלטענעם, מיט טויזנט שטיינער אָנגעוואָרפן ביז צו דערוואָרגונג.

ווי אַ שלעכט קינד צו אַ גוטן טאַטן, וועמעס הייסע שמיץ זיינען אַ היילונג, קום איך צו דיר, אָבינו שבשמים, מורמלנדיק מיט מיינע געפּענטעטע ליפּן:

פאַרלאָז מיך ניט, אַ ג., פאַרלאָז מיך ניט!

אין מיינע לעצטע עטלעכע טריט, לעצטע עטלעכע טריט — פאַר־לאָז מיך ניט, אַ ג.!

מיט גרויס מי שרייב איך מיר איצט אָן מיין טעגלעך ברויט. דאָס שרייבן איז שווער, דאָס ברויט איז ביטער און דו מוזט מיר ביישטיין, פאָטער פון אַלע קינדער פון דער ערד, פאָטער פון אַלע פאָטערס פון דער ערד.

געבויגן שטיי איך איצט פאַר דיר, אַדון עולם, און בעט דיך: לויכט אונטער אַ ביסל מיינע לעצטע טריט, לויכט אונטער אַ ביסל.

דער וועג איז ניט וויט פון סוף — אָט דאָרטן וואו איך האָב פלאַמענדיקע בלומענגערטנער געפלאַנצט, געטרוימט אַז דער אָוונט־ווינט וועט די קילע, רויטע רויזן שיילן לעבן מיין שטאָלץ־פאַרגייענ־דיקן שאָטן... און איצט? אָנשטאָט רויזן־גערטנער פלאַקערט איצט דאָס פייער פון אַלע גיהנומס, פלייצן לאַוואָס און עס פּלאַצן פעלזן, און זיי שווימען אין די אויפגעקאָכטע וואַסערן פון דיין צאָרן, אל רחום וחנון!

איז בעט איך דיך, ג.: באַהיט מיך פון בייגן די קני פאַר מענטשן, פון פעלשן אינעם שטויבעלע אמת, וואָס גיט פאַר מיר אַ פינקל פאַרביי אין דער לאַנגער שורה פון פינצטערנישן דורך וועלכע מיינע קורצע, דערשראָקענע טעג קריכן צום אויסוועג.

און לעש ניט אויס אין מיר דעם טאַלאַנט, ג., פריער ווי מיין אָטעם!

מאַך ניט וואַכעדיק, מאַך ניט גלייכגילטיק די פּען, מיט וועלכער איך האָב דאָך געמיינט — אַחוץ מיין ברויט צו פאַרדינען — אויך ריין און אָרנטלעך דעם מענטשנפאָלק צו דינען.

מיט דיין פונק, ג., וואָס דו האָסט אין אַ בייזער שעה פון דיין זון־מאַנטל אַרויסגעריסן, ווי אַ דערעסענעם דימענט, און מיר אים צוגעוואָרפן.

טו ניט אָפּ אָט די איינציקע קללה־ברכה פון מיר, אַדאָשעם! פאַרשעם מיך ניט, ג., אין מיינע לעצטע טעג פאַר מיין אייגענער זעל, וועלכע איך האָב אין אַלע צייטן אַזוי בכבוד געהאַלטן פון דיין נאָמען וועגן, האַר פון דער וועלט, פאַר דיין חן און חסד וועגן, וועכטער אין הימל, וואָס דו זעסט מיין נאַכט אָנקומען...

בין־השמשות

לאַנגווייל, אָדער יסורים —

וואָס איז בעסער?

פאַרוואָרפן זיך, אָפּגעריסן זיין פון דער „סביבה", זיצן אין די שטילע שטאָט־גערטנער, וואו די דרום־רויז פלאַקערט, וואו די פּאַלמע זיפּצט, גיסט מיט אומזעבאַרן רעגן, הערן די זון זינגען און זיך ס׳האַרץ שפּיגלען אין די איינגעשוויגענע קוואַלן פון לעבן, פילנדיק דערביי ווי אַ געגעץ גייט דיר דורך אַלע אינגעווייד, רייסט דיר ס׳מויל אויף — ברענגענדיק אַזש טרערן צו די אויגן?

אָדער:

אין גערויש פון דער צפונדיקער גרויסשטאָט, אין „קאַלטן גיהנום" פון דאָס באַרג־אַרונטערדיקע פון מיין לעבן־פאַרברענגען, אין איי־ביקער געשפּאַנטקייט, אין אייביקן מיט־ציטער מיט די פידל־סטרונעס טעלעגראַפישע, וואָס ברענגען בשורות פון האָפענונג און פאַרלענדונג פון מיין פאָלק — אין שלאָפלאָזע, אומרואיקע נעכט, פול מיט יסורים, מיט קאַלטע שווייסן, מיט חלשותדיקן קאָפּ־רויש.

לאַנגווייל אָדער... יסורים?

קעגן די יסורים פון לאַנגווייל — מיין אייביקע קראַנקהייט — בין איך געפּאַנצערט מיט פאַטאַליזם. קעגן די פיזישע און וואָרהאַפטיקע יסורים אָבער — —

:: :: ::

איר זאָגט „טרויער" און איר מיינט, אַז ס׳איז דאָ בלויז 1 טרויער אויף דער וועלט!

אָבער אויך דער טרויער האָט דאָך הונדערט קאָלירן, טויזנט נואַנסן, טויזנט נאָכשפּילונגען.

עס איז דאָ:

דער זיסער טרויער איבערן טויט — ווען מען איז יונג. חנעוודיק־פּאַרצווייפלט, טעאַטראַליש, האָפענונגסלאָז, ווען דער גוף פילט, מיט אַלע שנעלשלאַגנדיקע בלוטן, אַז דער טויט איז ווייט, לעגענדאַריש.

ווען דער צער איז צירלעך, ווען די טרער איז אַ זילבערנער שופען, ווען די „אייביקע רו" איז אַ טונעל פון שיינע ווערטער, דורך וועלכע מ׳קריגט זיך אַדורך ביז אויף יענער זייט ים, וואו די זון גייט אויף און אויף און אויף —

ווען נאַכט איז אַ טראָפּן טינט, מיט וועלכן מ׳שרייבט „ליכט", „ליבע", „לעבן".

און עס איז דאָ:

דאָס לעצטע יאָר, דער לעצטער חודש, דער לעצטער טאָג, ווען דער טויט, געזען פון דער נאָענט, איז ניט מי־יודע ווי שרעקלעך, נאָר הייליק, נאָר שטראַלן־באַקרוינט איז ער אויך נישט. און מיט לאַנגע, נאַס־ווייסע ליליעס אין דער האַנט קומט ער אויך ניט. אַפילו די מיטאָלאָגישע קאָסע אין זיין האַנט איז בלויז פון פאַפּענדעקל; ווען דאָס שטאַרבן איז ניט גרויזאַם, נאָר געמיין, נאָר אויסלאַכעריש, ווען דו דאַרפסט איבערקומען אַ „זאַך" וואָס דו האָסט דערצו קיין שום טעכניק נישט; וואָס דו וועסט ניט קאָנען טאָן מיט יענער מייסטער־לעכער געגויאיקייט, צו וועלכער דו ביסט געוואוינט אין אַלע דיינע זאַכן — —

דער טויט הינטער דער פּלייצע — ווי אַנדערש ער איז, ווי דער טויט, וואָס דו הערסט אייביק אָנקומען, און וועלכער איז דאָך ווייט, זייער ווייט, פאַרהילט אין ווייסן שאָטן פון ווייטקייט!

:: :: ::

כ׳האָב אויפגעריסן אַ זאַק מיט פונקען און די נאַכט איז געוואָרן פול מיט בליץ, מיט רעגן.

און אַז איך האָב דעם בליץ אָפּגעשטעלט מיט מיין באַפּעלנדיקער ברעם, איז ער פאַרגליווערט געוואָרן אינמיטנדערינען צווישן הימל און ערד, ווי אַ שרויפנציער האַלב אַרויסגעצויגן איבער אַ זינדיקער שאַמפּאַניער־פלאַש.

דער גאָלדענער רעגן איז געלאָפן און איך האָב געקלעטערט — אויף די חלום־טרעפּ, צום אידעאַל־טורעם, וועלכער איז אַמאָל געווען פון ברויט געשניצט, מיט שויבן פון פוטער און ווענט פון קאַנדלצו־

קער און היינט איז ער פשוט (ווידער) פון עלפאַנטביין און קרעלן־צווייגן.

איך האָב געקלעטערט און געקלעטערט... און דאָס וואָס איז מיט אַ רגע פריער געווען אונטן, איז מיט אַ רגע שפּעטער געווען אויבן; דאָס, וואָס איז געווען אַרויפצוצו (דעריבער: פינקלהאַפט!) איז אַלע מאָל געוואָרן קלערער, ביז עס איז געוואָרן אויס, ביז עס איז געלעגן אונטער די פיס, פּיצל ווי אַ גראָז, צעטראָטן ווי אַ שטויב — —

דעמאָלט האָב איך דערפילט, אַז איבער אַלע הייכן איז דער מענטש, אין זיין שטרעבן און קלעטערן צו וויטע הויכקייטן — —

און אַז העכער פון אַלע פאַנען איז... דאָס אויג וואָס זעט דאָס!

:: :: ::

איך קריג מיך ניט מיטן לעבן — איך לאָז עס גיין!

איך קריג מיך ניט מיטן בליץ פאַרוואָס ער שלאָגט־איין.

איך קריג מיך ניט מיט דער ערד פאַרוואָס זי ציטערט.

איך בין אויסמושטירט, איינגעלערנט.

איך שפּרינג ניט פון 60טן שטאָק, כאָטש עס מאַניעט אַזוי די גרינגשאַפט דערפון.

און די מינוטנדיקע לופטיקייט, פליגלדיקייט איידער מ׳גרייכט די ערד.

איך קריג מיך ניט מיטן לעבן.

אָבער שלום דערמיט בין איך אויך ניט.

ווי מיט מיינע מיט־מענטשן באַשליס איך אַלע וויל, אַז ס׳איז זינלאָז צו האָבן אַ שונא ווען דו קענסט האָבן אַ פריינט. אָבער אין די מינוטן פון אויפריכטיקסטן שלום־אַנבאָט קומט אַ געפיל, אַז איך קער מיך קוים אָן מיט עמעצן — מיט זיך אַליין אויך נישט!

אַז די פאַרענטשע אַרום דעם אָפּגרונט איז געמאַכט געוואָרן ניט גויף צו באַשיצן מיך פון געפאַר, נאָר אויף צו לאָקן מיך אַרויפצושטעלן די פיס אויף דעם שמאָלן ברעט פון דער באַריערע און אַזוי — אין שווינדלדיקער לוסט־געפאַר — דאָס לעבן דורכגיין; אין אייביקן פולזעטיקן געפיל פון לאַכנדיקע אָפּגרונטן, שפּיגלדיקע שוים־וואַסערן, וואַנדלדיקע טאָל־וואָלקנס.

און ציטערדיקער און טייערער און מיניעדיקער איז דאָס געפיל פון פריידפולער געפאַר, ווען באַלאַנסירנדיק זיך, לויט אינערציע פון

געוואוינהייט, אויף דער פּאַרענטש, וואָס צוימט דעם אָפּגרונט, כאַפּט מיך אָן פאַרלאַנג דעם קאָפּ צום הימל אויפצוהייבן — וואו אַ געפלעקטער טיגער־וואָלקן ציט זיך אויס, צעציט זיך, גרייפט די זון מיט זיינע נעגל אָן.

איך קריג מיך ניט מיטן לעבן. איך ווייס עס איז ניט קיין גאַנג, נאָר אָן אַריבערגאַנג, און קיין שענערע באַוועגונג פון דער זיג־זאַג ווי די „וואַקלעניש" ווי דאָס „שווינגען" — איז נישטאָ.

:: :: ::

עס איז בין־השמשות.

די פלאָרידישע פּאַלמעס — —

(צי ווייסט איר, אַז זיי זיינען „קאַסטרירט"? אַז מ'האָט ביי זיי אונטער די אָרעמס די קאָקאָניס־וואָרצלען אויסגעניטן, זיי זאָלן ניט פאַלן אויף די קעפּ פון די חשובע געסט, וועלכע גיבן שיין צו לייזן?!)

די פּאַלמעס שיילן זיך; שיילן־אָפּ ביסלעכווייז זייערע פאַרוויאַנעטע צווייגן, וועלכע פאַלן צו דר'ערד, אַזוי נסימדיק ווי מעטעאָרן, קיינמאָל ניט טרעפנדיק קיין מענטשן!

די לופט איז פעט מיטן קול פון הויך־שרייענדיקן, נודנעם, הייזעריקן יאַסמין.

עס איז בין־השמשות (און איך בין עס אויך, אַ, וועלט!)

עס איז די צייט ווען דער טאָג רוט זיך אָפּ און די נאַכט צעגערט אַ ווײַלע, נעמט זיך אָן מיט כוח פאַר דער פינצטערער אַוואַנטורע...

איך זיץ אויף דער טעראַסע, אין אַ ווייכן פרעמד־פאַרביקן שטול און איך טראַכט — ניין, איך טראַכט ניט! איך לאָז בלויז די פּאַרע פון די אָפּגעקילטע געדאַנקען, געפילן דורכרוייכערן, דורכנעפּלען, דורכקילן מיין געמיט.

און פון ערגעץ אין דער הויכער ווייט פון דער גרינלעך־בלויער הייכקייט, ווי אַ צעריסן שטיקל וואָלקן, וואָס איז אָפּגעגילט אַרום די ברעגן, קומט אַ געפיל־געדאַנק, אַז די זון איז גאָרניט אַזוי גרויס ווי מיר שטעלן זיך פאָר, נאָר אין פאַרגלייך מיט זיך אַליין, אין פאַרגלייך מיטן אויג וואָס זעט זי, איז זי אומגעהויער!

:: :: ::

טראַכט איר ניט (ווי איך)?:

אַ טייך איז יונג.

אַ ים איז אַלט.

קענט איר טראַכטן פון אַ יונגן באַרג?

פון אַ ים, וואָס מ׳דאַרף אים ניט אירצן?

פון אַ קוואַל — ווי אַלט ער זאָל ניט זיין — וואָס מ׳זאָל אים ניט קענען זאָגן „דו", און אים אַ קוש טאָן אויפן מויל, זיך אויף די קני אַראָפּלאָזן צו אים, ווי צו אַ שלאָפנדיקער געליבטע?

ביים אייביק־אַלטן ים זיצט מיין אייביק־יונגער קוואַל, מין האַרץ.

ים און קוואַל קוקן זיך אָן. דיזעלביקע עלעמענטן. נאָר פאַר־שטייען זיך איז ניט מעגלעך!

:: :: ::

נאַראַיעוו — די קרוינשטאָט פון מיין לעבן.

אָט גיי איך אַהיים צו דיר — איבער דער איינגעפאַלענער פוילן אַריבער, איבער אומגעוואָרפענע קברים.

דאָ — וואו איך זיץ איצט — איז „הייסער, גאָלדענער ווינטער", אָבער דאָרטן איז — ווייס בלענענדיק, אייביק־בלענדיק, מער ווי זון, מער ווי חלום, לויטער ליכטיק, אייביק זויבער, אייביק צויבערלעך ווי די יונגשאַפט, ווי די ליבע.

מיט אַ צעבראָכן קריגל אין האַנט (דאָס אויערל פאַרלוירן, די ראַנדן אויסגעשטשערבעט, דאָ און דאָרט אָן אויבנאויפיקער לויף־שפּאַלט. אָבער אינהאַלטלעך פעסט, ריין און גאַנץ) גיי איך צום אַלטן ברונען מיט דער שלעפּ־קייט, מיטן מאַכיקן ברונען־קאַסטן פול מיטן אָפּ־שפּיגל פון הונדערט־טויזנטער שבתדיקע בערד, שבתדיקע אויגן, שבת־דיקן בטחון, אַהין פירט דער ווייסער וועג, וועלכן איך באַטיפל מיטן בלוט פון מיינע וואונדיקע פיס.

אַהין, אַהין, אַהין — אייביק אַהין.

אָן רו, אָן ראַסט.

אַהין — צוריק... ווייטער צוריק, ווידער צוריק, אייביק צוריק, אין רונדן קרייז פון היינט און נעכטן, פון לעבן און טויט, פון קריג און פרידן, פון יאָ און ניין...

און וואו די זעענדיקע פיס גייען אַליין פון זיך, אויפן רוף פון די דורות, אַהין גייען אויך מיינע בלינדע אָפענע אויגן (וואָס „אָפענער" אַלץ מער בלינדקייט גייט אַהין אַריין!).

אַן אויסגעשעפּטער פון די אַלע וואַנדערונגען, וואָס ליגן אין מיינע ביינער, אין מיין יעדן טראָפּן בלוט. אַ פאַרשמאַכטער דורך די פילע יאָרן פון טרוקענער לעבנס־חכמה, וואָס איז דער זאַלץ־שטיין פון וועלכן די מאָסן לעקן, אויסבילדנדיק אין דעם שטיין אַלערליי „אַר־כיטעקטורן" פון האָפענונג, צווישן זיי אויך גאַרגיאַלן און אַלעגאָרישע מאָנסטערס — פאַל איך איצט צום ברונען צו, פון וועלכן מיין טאַטע האָט געטרונקען ווען ער איז אַ ייִנגל געווען.

דאָס זעלבע לויטערע וואַסער, בלאַלעך־פינצטער אין בייטאָגיקן שניי. גאָלדן־פינצטער מיט די באַבלעטערטע פינטל־שטערן פון ביי־נאַכט — —

און אַז מיין טרער פאַלט — פאַלט זי לענגלעך און צעגערדיק, פאַלט אַזוי פּאַוואָליע ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז אַלע חלומות פון מיין לעבן זאָלן זיך צונויפזאַמלען און שטומערהייט, לבנהדיקערהייט, שניידנ־דיקערהייט זי יום־טובדיק אַרונטערלאָזן, ווי אַ מת פון אַ שיף — אין ים אַריין.

⁘ ⁘ ⁘

עס בליצט — —

די נאַכט סטראַשעט מיט אַ פינגער:

— היט זיך, דו דאָרטן, ווי דו הייסט...

איך וויל ענטפערן „אי־ך!" אָבער אַ שלאָקס־רעגן גיט אַ פאַל אויף מיין קול און ווישט עס אָפּ, אויף אייביק, אייביק, אייביק...

אין דער נאַכט פון ווײ־נאַכטן —

די קירך־גלאָקן קלינגען איבער דער ראַדיאָ. וועלטן זינגען:

„הייליקע מוטער!"

עס איז מיין מאַמע — חנה בת דוד. יענע פון דער גרויסער גע־דולד, פון דער שטילער אָרעמקייט, פון אומדערזעטלעכן הונגער נאָך ליכט, נאָך מופתים.

הייליקע מוטער:

צווישן אַלע געזעגנגען פון דער וועלט — איז מיין געזעגנג קלאָרער, ווייל ניט ס'מויל זינגט, נאָר די זעל. ניט די אויגן וויינען, נאָר דאָס האַרץ, ניט די אָרגלען ברומען, נאָר די שטערן אין הימל — איבער דיין קבר, מאַמע, דאָרטן ערגעץ ווייט, אין גרינפּאָינט, לאָנג־איילאַנד.

„שטילע נאַכט, הייליקע נאַכט".

די נאַכט היינט איז טאַקע שטיל.

איז טאַקע הייליק, איז טאַקע גאָר עפּעס באַזונדערס — ווי אַ רעליקוויע.

ווייל דיין רצון, ווייל דיין חלום, ווייל דיינע מעשים טובים זיינען אין מיר, הייליקע מוטער, חנה בת דוד, טאָכטער פון פאָלק וואָס שטעלט צו געטער דער גאַנצער וועלט, בעת אַליין קאָן עס זיין פאַרבלאָנזשעטן גאָט ניט געפינען — — —